און ווייל די מדה פון גאט איז אז מען ברייננט אויף אין די הייליקייט און מען גידערט שוין ניט אראפ · זאל ער אים מזכה זיין אין דעם טאג וואס ער וועט אים אויף שטעלין צום דין אין דעם טאג פון גאט דעם גרויסין און דעם פארכטיגין און אויף צוא שטיין לעבעדיג אויף עולם הבא · און אויף זייער קאפ זאל רוען די שכינה · און דיא דאזיגע וואס האבין נאך ניט מקבל גיוועזן זייער דין זאל גאט ב״ה מיט זיין רחמנות באדעקין זייערע זינד און זאל אפ טאן זייער טרויערקייט פון זייא און אויך דיא פארכטיגע און דיא שרעקליכע שרוחים און צוא דיא וואס זיינען אין דיא אונטערשטע קאמערין פון גיהינם זאל ער ארויף ברייננען און זאל גרינגער מאכין פון זייא זייער דין און זייער משפט · פון וועגין דעם זכות פון זייערע עלטערין · און דיא וואס ווערין גימישפט אין פייער און אין וואסער · זאל דער לעבעדיגער גאט זיך דער בארימען איבער זיי · און זאל לאזין אויף הערין דעם רויך פון זייער קבר · און זאל ניט מאכין פאר לירין זייער האפונג · און די וואס ווערין גמשפט אין דעם הינטערשטין גרוב פון גיהנם און אין אייז און אין שנייא און דעם פאר פרייצונג און אפ גיטיילט וואשער זאל אים זיין הער מוחל זיין אויף זיינע זינד און מיסטייט און זאל פון אים אפ טאן זיין דין און זיין טרויערקייט און זאל אים אויף ברייננען אין דעם הימיל פון זיין וואונונג ער זאל אים געבין אנוטין זיצונג און זאל אים היילין פון זיינע זינד · און צווישין דיא הערין צווישין די גצעלטן פון זיין פאליש און זאל אים מאכין עסין פון דעם עץ החיים און פון בוים וואס דורך אים איז דאס ווישין שאפט פון גוטש און בייז און זאל אים מאכין ווישין אזעלכע זאכין און סודות וואס זיינען פאר שלאסין און פאר חתמת · און אלע ראש חודש און שבת זאל ער שיקין דרייא כתות מלאכים זייא זאלין זיין אן גיברייט צוא בלייטין זייערע נשמות צו זייערע הויכע מעלות מיט לוסטיקייט און פריידיך און אויך דיא וואס זייער ורפצין זאלקטו זייא דער פרייען

און

בישועתם. שאותם הנשמות שהיו בגופות מחולקים. המקום יריק עליהם טל של תחיה מארקים. על כל גוף בפני עצמו. ויכנסנו לגופו ויקרא לו בשמו. ושמתו מקרוב תעלה נשמתם בארחים ושבילים ידועים בלי סכנה. אל הר האלהים אל המקום אשר הוא חונה. ורוחו ונפשו ונשמתו. זה בזה תקשר. להודיענו סודות עליונים בעיניו יכשר. ותנצלם מהטוטים ומהצטער בעון חיים. אשר הם חוטאים ורעים. כפר לעמך ישראל אלו החיים עדנה. ואשר פדית יי ויצאה נפשו מנדנה. והנפש אשר בין החיים בעולם משוטטת. ולהתפלל על החיים שפתותיהם דובבות. תקבל ברחמים וברצון את תפלתה ותשע אל רחשה ואל שועתה. והרוח אשר הוא בגן עדן התחתון להתענג תעלנה מדי שבת בשבתו ומדי חדש בחדשו לגן עדן העליון להתענג באפרסמונא דכיא ופנג.

---

אין דעם געטליכין הויז און דעם טויער פון דעם הימיל. און זייא מציל זיי און פאר גיב אויף זייערע זינד און זאמיל זייא איין לפנים משורת הדין צו זיין אין זייער היקף. דאס דיא נשמות וואס זיינען גיוועזן צו טיילט אין פיל לייבער זאל גאט איבער זייא גיסין פון דיא הימלען דעם טויא וואס דורך דעם זאלין זייא ווערין לעבעדיג. ער זאל גיסין אויף איטליכין לייב בזונדער. און זאל דיא נשמה אריין ברייגגען אין זיין גוף אריין און זאל ווערין גירופין מיט זיין נאמען. און דיא וואס זיינען נים לאנג גישטארבין. זאל אויף גיין זייערע נשמות אין די באקענטע שטעגין און וועגין אן סכנה צוא דעם געטליכין בארג צוא דעם ארט וואו ער רועט. און זיין לייב מיט זיין רוח מיט זיין נשמה זאלין צוא אנאנד גיקניפט ווערין. צוא מאכין ווישין אים דיא אויבערשטע סודות דיא וואס ווערין וואול גיפעלין אין זיינע אויגין. און זאלסט זייא מציל זיין פון אויף גיגראבין צוא ווערין און פון צער צוא ליידין פון וועגין דיא זינד פון דיא לעבעדיגע וואס זייא זיינען שלעכט און זינדיג. פאר גיב צו דיין פאלק ישראל וואס זייא לעבין נאך. און דיא וואס דוא גאט האסט אוים גילייזט און זייער נשמה איז ארויס גיגאנגען פון איר פוטער פאס דאס מיינט מען פון זייערע גופים. און דיא נשמה וואס זיא שוועבט ארום צווישין דיא לעבעדיגע און אירע לעפצין ריידין צוא בעטין אויף דיא לעבעדיגע. זאלסטו איר גיבעט אן נעמען מיט דער בארימקייט און מיט ווילין. זאלסטו זיך קערין צוא איר שטילע גיבעט און צו איר גישרייא. און דיא נשמה וואס איז אין דעם אונטערשטין גן עדן צוא זענעפטיגין זיך זאלסטו זיא אויף ברייגגען אלע שבת און אלע ראש חודש צוא דעם איבערשטין גן עד־

ישרם

ונפש כי תחטא על שהנשמה מתאחרת לעלות
למקומה. והנפש צריכה להיות משוטט בארץ ומתהלך
שמה. והרוח עומד על פתח גן עדן ואין מניחים אותה
לכנוס. תרחם עליה. והיוצא אל יצא והנכנס יכנס.
וחבוט הקבר ודין התולעים. הקל והסר מאל׳ בהם
מנוגעים. ובמוצאי שבתות וראשי חדשים וימים
טובים. כשהנשמות עומדות על הקברים לשבח
להשם בדברים ערבים. תהיינה עיניך פקוחות ואזניך
קשובות. לרחם עלינו בישועות קרובות. אתם נשמות
הקדושות. ידינו פשוטות וכפינו פרושות. כי ידענו
גם ידענו שכאשר העולם צריכין לרחמים. אשר החיים
הם בצער שרוים. ומתפללים את תפלותיהם על קברי
המתים. אז עמודי עולם ורהיטי ברותים. ושאר ישני
אדמת עפר. מדלגים על ההרים ומקפצים על הגבעות
כעופר. ומודיעים לישני חברון. חבצלת השרון. והם
הולכים לגן עדן שבארץ ומתיעצים עם נשמות

---

דארט זיך צו זענעפטיגן מיט דעם ריינעם באלסום און שמעקינדיגן איל און ווען איינער
האט גיטאן זינדיגן ביז דיא נשמה קען אזו גיך ניט אויף גיין צוא איר ארט · און דער נפש
מוז ארום שוועבין אין דער וועלט · און די נשמה שטייט אויף דעם טיר פון גן עדן מען
מען לאזט זיא ניט אריין גיין . זאלסטו זיך דער בארימען אויף איר · און דער וואס וויל
ארויס גיין דעם זאלסטו ניט ארויס לאזין · און דער וואס וויל אריין גיין דעם זאלסטוא
לאזין אריין גיין · פאר גרינגער און טוא אפ דיא יסורים פון דיא וואס זיינען מיט זייא
גיפלאגט · און אין מוצאי שבתות און ראשי חדשים און ימים טובים אז דיא נשמות
שטייען אויף דיא קברים צוא לויבין גאט מיט זיסע רייד זאלין דיינע אויגין זיין אפין און
דיינע אויערין זאלין פאר נעמען דיא לויב צוא דער בארימען זיך איבער אונז מיט נאהינטע
העלפונג · און איר הייליגע נשמות אונזערע הענט זיינען אויס גישטרעקט און אונזערע
הענט זיינען פאר שפרייט · דען מיר נייסין גיוויש אז בשעת דיא וועלט דארף האבין
דער בארימקייט ווען דיא לעבעדיגע רוען אין צער · און בעטין זייער גיבעט אויף דיא
קברים פון דיא מתים · דענקמאלט די צדיקים וואס זייא זיינען גיגליכין צו די זיילין פון דער
וועלט און וויא דיא באלקינס פון דיא בוקשין בוימער · און נאך דיא איבעריגע וואס
שלאפין אין דער ערד · דיא אלע שפרינגען אויף דיא בערג און אויף דיא הייך אזו וויא
איין יונגער הירש און זיינען מודיע צוא דיא אבות פון דיא ישראל וואס זיינען גיגליכין צו
אין

הַצַּדִּיקִים . וְהֵם גּוֹזְרִים גְּזֵרָה וּמְקַיְּמִים אֶת דִּבְרֵיהֶם הָאֵל אֲשֶׁר בְּמַאֲמָרוֹ בָּרָא שְׁחָקִים . וּמְרַחֵם עַל הָעוֹלָם לְהָגֵן עֲלֵיהֶם . לְהַרְבּוֹת יְמֵיהֶם וִימֵי בְנֵיהֶם . וְאוֹתָן נַפְשׁוֹת הַצַּדִּיקִים נִמְצָאוֹת בֵּין הַחַיִּים לְהָגֵן עֲלֵיהֶם . לִהְיוֹת הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם . וְאַף גַּם כְּשֶׁהַחַיִּים הוֹלְכִים עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים וּבוֹכִים עֲלֵיהֶם . אוֹתָם הָרְאוּיִם לְהוֹדִיעַ לָהֶם . לְדַבֵּק נֶפֶשׁ בְּנֶפֶשׁ . בְּכֵן מִתְעוֹרְרִין נַפְשׁוֹת הַצַּדִּיקִים זְכוּת לְחַפֵּשׂ . וּמִתְכַּנְשִׁין וְהוֹלְכִין וְשָׁטִין לִישֵׁנֵי חֶבְרוֹן . וּמִתְפַּלְּלִין וּמְבַטְּלִין כָּל אַף וְחָרוֹן : אַתָּה יְיָ עִלַּת כָּל הָעִלּוֹת . תְּקַבֵּל בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן אֶת כָּל הַתְּפִלּוֹת . וַעֲשֵׂה חֶסֶד לִצְרִיכֵי חֶסֶד וְרַחֲמִים . וְהַנִּדּוֹנִים בְּגַחֲלֵי רְתָמִים וּבְמַיִם הַזֵּידוֹנִים וּבִשְׁאָר דִּינִים . הָקֵל אֶת עֻלָּם . וַעֲשֵׂה צְדָקָה עִם כֻּלָּם . וְאַף מִי שֶׁלֹּא נִשְׁאַר לוֹ עָנָף אוֹ שׁוֹרֶשׁ לְהַבְרִיכֵהוּ . וְלֹא מַטַּע זֶרַע אֲשֶׁר יַצְמִיחֵהוּ . וְלֹא נִין וְלֹא נֶכֶד לְהַעֲלֵהוּ . יְהִי חַסְדְּךָ יְיָ עָלֵיהוּ . וְאַל

---

איין רויז וואס זיא וואקסט אויף איין גלייכן פלאץ איז זיא דאך זייער שיין . אונ זיא גייען אין דעם גן עדן התחתון אריין אונ בארעטין זיך מיט דיא נשמות פון דיא צדיקים אונ זייגען גוזר גוטע גזירות . אונ גאט וואס מיט זיין זאג האט בשאפין די הימלען איז זיא מקיים . אונ דער בארימט זיך איבער דער וועלט אויף זיא צוא באשיצין . צו מערין זייערע טעג מיט זייערע יארין אונ טעג פון זייערע קינדער . אונ דיא נשמות פון דיא צדיקים ווערין גיפונען צווישין דיא לעבעדיגע צוא באשיצין אויף זיא דאס די וועלט זאל אקיום האבין . אויך אז די לעבעדיגע גייען אויף דיא קברים פון דיא צדיקים אונ וויינען איבער זיי דיא דאזיגע צדיקים וואס זיינען ווערט זיא מודיע צוא זיין . ווערט באהעפט זייערע זילין ביא אנאנד דורך דעם דער וועקין זיך דיא נשמות פון דיא צדיקים צוא זוכין איין זכות אונ זאמלען זיך צוא אנאנד אונ גייען אונ שוועבין צוא די אבות . אונ זיא בעטין אונ זייגען מבטל אלערלייא גרים צארין . דוא גאט ב״ה וואס דוא ביסט דער וועקער פון אלע וועקין . פאר נעם מיט רחמנות אונ מיט ווילין דיא אלע גיבעט . אונ טוא גינאד צוא דיא דאזיגע וואס דארפין גינאד אונ דער בארימקייט . אונ דיא וואס ווערין גימישפט מיט הייסע קוילין אונ מיט שטארקע וואשערין אונ מיט אנדערע יסורים . מאך גרינגער זייער יאך . אונ טוא מיט זיא אלע גירעכטיקייט . אויך פון דעם וואס איז ניט איבער גיבליבין קיין צווייג אדער אווארציל אים צו מאכין באשטיין . אונ קיין גיפלאנצטין זאמען אים צוא מאכין שפראצין . אונ ניט קיין זון אונ קיין איינקיל אים ארויף צו ברענגען אין זיא העלפין . גאט ב״ה זאל זיין דיין חסד אויף אים . אונ זאלסט אים ניט שטראפין מיט

דיין

בְּאַפְּךָ תוֹכִיחֵהוּ . כִּי אִם בְּכָל מִינֵי רַחֲמִים לְצַדְּקֵהוּ . הֲלֹא יָדַעְתָּ יִצְרֵהוּ . כִּי בֶן אָדָם הָיָה הוּא : וְאַף שָׁמַיִם לֹא זַכּוּ בְעֵינֶיךָ וּבְמַלְאָכֶיךָ תָּשִׂים תָּהֳלָה . אַף כִּי אִישׁ שׁוֹתֶה כַמַּיִם עַוְלָה : אַתָּה יְיָ הוֹדַעְתָּנוּ מִדַּת טוּבְךָ וְרַחֲמֶיךָ . עַל יְדֵי נֶאֱמַן בֵּיתֶךָ . כְּאָמוּר יְיָ בְּמִדַּת רַחֲמִים קוֹדֶם שֶׁיֶּחֱטָא הָאָדָם . וַיְיָ הוּא שִׁמְךָ לְרַחֵם עַל הָאָדָם אַחַר שֶׁיֶּחֱטָא לְבִלְתִּי שַׁלֵּם כִּגְמוּל יָדָם . אֵל תַּקִּיף וְחָזָק רוֹכֵב בְּמֶרְכֶּבֶת אֵשׁ כְּמַרְאֵה הַבָּזָק . רַחוּם וּמַקְדִּים רַחֲמִים לְרוֹגֶז וְכָל מִינֵי רַחֲמִים עָלָיו יָגֵן . חַנּוּן לָחוֹן בְּמַתְּנַת חִנָּם . אַף לְמִי שֶׁיֵּשׁ לָהֶם לִתְלוֹת בְּמַעֲשֵׂיהֶם הַטּוֹבִים אֶת עִנְיָנָם . אֶרֶךְ אַפַּיִם הֵן לַצַּדִּיקִים וְהֵן לָרְשָׁעִים . וְלַחוֹטְאִים וְלַפּוֹשְׁעִים . וְרַב חֶסֶד מַטֶּה כְּלַפֵּי חֶסֶד . לְמַעַן לֹא יִהְיוּ בְּרִיּוֹתָיו נִפְסָד : וֶאֱמֶת הוּא בְּתַכְלִית הָאֲמִתּוּת . בְּדִינָיו בְּכָל הַשָּׁלֹשׁ כִּתּוֹת . רְשָׁעִים וּבֵינוֹנִים וְצַדִּיקִים . כֻּלָּם מַצְדִּיקִים מִשְׁפָּטָיו וְדִינָיו

---

דיין צארין . נייערט מיט אלערלייא דער בארימקייט איז גירעכט צוא מאכין דען דו ווייסט דאך זיינע גידאנקען . ווארום ער איז דאך נאר אמענטש גיוועזן . און אין דיינע אויגין זיינען דיא הימלען ניט ריין . אין דיינע מלאכים טושטו מאכין איין שפעטונג מכל שכן אמענטש וואס ער טרינקט אום רעכטיקייט גלייך וויא וואסער . דוא גאט האסט דאך אונז גימאכט וויסין דיין גוטע מדה און דיין דער בארימקייט דורך משה רבינו דער ווארהאפטיגער פון דיין הויז . אזו וויא עס שטייט גישריבין אין די דרייצעהן מדות ה' גאט איז מיט מדת הרחמים איי דער מענטש זינדיגט . ה' און גאט איז דיין נאמען צו דער בארימען זיך אויף דעם מענטשין אפילו נאך דעם אז ער זינדיגט דאס ער זאל אים ניט בצאלין גלייך וויא ער האט גיטאן אל ער איז אשטארקער גאט ער רייט אין פייערדיגע רייט וועגין גלייך וויא דאס גישטאלט פון דיא פונקין רחום ער איז דער בארעמדיג און פעדערט דער בארימקייט פאר דעם צארין . און אלערלייא דער בארימקייט טוט גיין פאר אים וחנון און ער איז לייט זעליג דאס ער גיט אום זיסט מתנות . חאטשע צוא אזעלכע וואס קענען אן הייגען אין זייערע גוטע מעשים שיינקט ער זיי אויך אום זיסט ארך אפים ער האלט אויף דעם צארין סייא צו דיא צדיקים סייא צו די רשעים ורב חסד און טוט פיל גינאר דאס ער נייגט זיך צו גינאד כדי זיינע בשעפינעם זאלין ניט פר לארין ווערין ואמת ער איז ווארהאפטיג מיט אלערלייא גרונטליכע ווארהאפטיקייט אין זיינע גירכט מיט אלע דרייא כתות דאס זיינען רשעים . מיטער מעסיגע . און צדיקים . דיא אלע דרייא כתות מאכין גירעכט זיינע משפטים און זיינע גיזעצטע דינים . נוצר

חסד

הַחֻקִּים: נוֹצֵר חֶסֶד לָאֲלָפִים. אֵין שִׁכְחָה לִפְנֵי כִסֵּא כְבוֹדֶךָ. וְכָל הַמַּעֲשִׂים לְפָנָיו גְלוּיִם. נוֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע וְחַטָּאָה. לָדוּן לְכַף זְכוּת וְלֹא לְרָעָה. וְנַקֵּה לַאֲשֶׁר שָׁב בִּתְשׁוּבָה. לֹא יְנַקֶּה לַאֲשֶׁר אוֹחֵז בִּמְשׁוּבָה: פּוֹקֵד עֲוֹן אָבוֹת עַל בָּנִים. אִם לְמַעֲשֵׂיהֶם שֶׁאֵינָם הֲגוּנִים פּוֹנִים. עַל שִׁלֵּשִׁים וְעַל רִבֵּעִים. לֹא כְמִדַּת הַטּוֹבִים שֶׁהִיא לַאֲלָפִים דּוֹר. דָּרָה עִמָּהֶם בְּמָדוֹר: רַחֵם נָא קְהַל עֲדַת יְשֻׁרוּן. הַחַיִּים וַאֲשֶׁר מֵהֶם נֶעְדָּרוּן. כָּאָמוּר וְיָדַעְתָּ כִּי יְיָ אֱלֹהֶיךָ הוּא הָאֱלֹהִים הָאֵל הַנֶּאֱמָן שׁוֹמֵר הַבְּרִית וְהַחֶסֶד לְאוֹהֲבָיו וּלְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו. וְאַתָּה יְיָ תִּמְחוֹל וְתִסְלַח אֶת עֲוֹנָם וְהוֹשִׁיעֵנוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ: וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן וְלֹא יַשְׁחִית וְהִרְבָּה לְהָשִׁיב אַפּוֹ וְלֹא יָעִיר כָּל חֲמָתוֹ. בְּהוֹצִיאוֹ דִין אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ: יְיָ הוֹשִׁיעָה הַמֶּלֶךְ יַעֲנֵנוּ בְיוֹם קָרְאֵנוּ:

---

חסד ער טוט גינאד ביז צווייא טויזנט גיבירד עס איז ניט פר האנדרין קיין פארגעסונקייט פאר יין כסא כבוד · און אלע מעשים זיינען פאר אים אן גיצייכנט נושא עון ופשע וחטאה ער פאר טראגט אום רעכטיקייט מיסטייט און זינד דאס ער לייגט אוים אלץ צוא גוטין און ניט צוא שלעכטין ונקה און ער לאזט לידיג דעם וואס טוט תשובה לא ינקה און לאזט דעם ניט לידיג וואס טוט ניט קיין תשובה און האלט זיך אין יין ווילדיקייט פוקד עון אבות על בנים ער גידיינקט דיא זינד פון דיא פאטערס אויף די קינדער אויב דיא קינדער טוען אויך אזעלכע מעשים ווי זייער פאטער על שלשים ועל רבעים ביז דאס דריטע און דאס פערטע גיבירד ניט אזו וויא דיא מדה פון גוטס דען דאס גוטש גידיינקט ער ביז צווייא טויזנט דורות · דער בארעם זיך איבער דעם איין זאמלונג פון דיא ישראל איבער די לעבעדיגע און איבער דיא וואס ווערט פון זייא גישטארבן · אזו וויא עס שטייט גישריבין און דוא זאלסט וויסין אז גאט דיין גאט ער איז דער רעכטער גאט · ער איז איין וואר האפטיגער ער היט דיא זכערהייט און דעם גינאד צו זיינע ליב האבער און צו די וואס היטין זיינע מצות · און דוא גאט זאלסט מוחל זיין און פאר געבין זייערע זינד און העלף אונז פון וועגין דיין נאמען · און ער איז איין דער בארעמיגער גאט ער זאל פאר געבין דיא זינד און זאל ניט פאר דארבין און ער קערט ווידער צוא קערין זיין צארין און איע פאר דארבער · און ער זאל ניט דער וועקין גאר זיין גרים צארין בשעת אז ער טוט אוים ציהען דעם ווארהאפטיגין דין צוא זיין אמת · גאט העלף דער קיניג זאל אונז ענטפערין אין דעם טאג וואס מיר רופין אים אן:

שלום פריד אויף דיר און סיט פריד זאלסטו רוען דוא נפש און נשמה און רוח · און דיין

דער

ח וואס איין באזארגטער באשוועהרטער מענש זאל זאגן אויף זיין פריינדס קבר :

שלום עליך ובשלום תנוח הנפש והנשמה והרוח
וישעשועיך ותענוגיך בגן עדן וידעת כי שלום
אהלך ונשמתך תהיה צרורה בצרור החיים את יי
אלהיך ואצל אבותיך תהיה בשלום ובכבוד ובשמחה
והיה לך ולבניך למשחה ולשם ולתפארת ולתהלה .
ולא תצטער בצרת בניך עד עולם סלה : והנה אנכי
המר העלוב והנמהר אשר גדלו וגבהו מחשבותי
ודאגותי מהר ההר מענה ומדכא בכל מיני יסורים
ודאגות . עד הראשונה פקודה השניה אצה וממהרת
לבא מאין הפוגות : ואף שבודאי לא עבד קודשא
בריך הוא דינא בלא דינא . על דא ודאי קא בכינא :
על כי נלכדתי במצודת היצר וחרמיו . ודרכתי
בפעמיו : ועל מתרבא דביש גדא . עד שהריני כפרת
כוזא וכדא : ונפשי כעפר לכל . וביתי ריקם מכל :
ובעיני גירא ושטנא ואנחה ואנינה וכאילו כל מיני

---

דער מייאונג און דיינע תענוגים זאל זיין אין גן עדן . און דוא זאלסט וויסען אז דיין וואונונג וועט פריד זיין . און דיין נשמה זאל פאר בונדין זיין אין בונד פון לעבין מיט דיין גאט . און ביא דיינע עלטערין זאלסטו זיין מיט פריד און מיט כבוד און מיט שמחה און דאס זאל זיין צוא דיר און צוא דיינע קינדער צוא איין הערשאפט . און צו איין שם און צוא איין שיינקייט און צוא אלויב . און זאלסט ניט האבין קיין צער פון וועגין דיא צרות פון דיינע קינדער ביז אייביג און איך דער פאר ביטערטער און דער פאר שעמטער און דער באזארגטער . וואס מיינע גידאנקען מיט מיינע זארג זיינען העכער פון דעם העכסטין בארג . איך בין גיפייניגט און צו שטויסין מיט אלערלייא יסורים און זארג . בשעת איך גידיינק נאך אין דר ערשטער צרה איילט שוין גישווינד דיא אנדערע צרה און קומט אן איין אויף הערונג . און חאטשע גאט ב"ה שטראפט דאך בוודאי ניט אום זיסט אן איין דין . דרויף טוא איך גיוויש וויינען . וואס איך בין באצוואונגען גיווארין אין דער נעץ פון דעם יצר הרע . און האב גיטראטין אין זיינע טריט און דרויף טוא איך אויך וויינען וואס מיין ביז מזל האט זיך אזו גימערט ביז איך בין אונטער טעניג צוא גרויס און קליין . און מיין לייב איז צוא איטליכין וויא ערד . און מיין הויז איז ליידיג פון אלעמען . און די פיילין פון דעם שטן שטייען פאר מיינע אויגין . און אויך זיפצין און קלאגין . און גלייך וויא אלערלייא גיהנם וואלטין איבער מיר הערשין . און די טירין פון דר טייטערונג און בשידטונג ווילין מיך ניט אריין לאזין . מיינע זיפצין זיינען זייער פיל

גיהנם בי שולטין. ודלתי רוח והצלה אין אותי קולטין: רבות מאד אנחותי ולבי דוי. מכל אשר הסבוני נושאי כלי חובה: נהפך לבי בקרבי כי מרו מריתי. ששו כל אויבי שומעי רעתי: צפו מים על ראשי אמרתי נגזרתי. תושיה נדחה ממני ואין בי עזרתי: בסכנת נפשי אביא לחמי. ומכותלי ביתי נכר שאני כפחמי: צפד עורי על עצמותי יבש היה כעצות. חשך משחור תארי לא נכר בחוצות: שבת משוש חגי שבתי וחדשי. זכור תזכור ותשוח עלי נפשי: יסור יסרני יה ביסורין שיש בהן בטול תורה ותפלה. כל אברי בקרבי סלה: על אלה אני בוכיה ועיני יורדה מים. ונמס כל לב ותלכנה מים כל ברכים: ואשא עיני אל ההרים מאין יבא עזרי. אחרי כי שקילא טיבותי ושדיא אחיזרי: ותמיד אני מתאנח בשברון כל גופי. איך יחשב לי לשמץ ודופי: כי אולתי תסלף דרכי. ואיך

---

און מיין הארץ איז ווייטאג פון דיא אלע וואס האבין מיך ארום גירינגילט טראגין פאר מיר מיינע זינד. מיין הארץ איז פאר קערט גיווארין אין מיר דען איך בין גיווארין אונגעהארזאם. מיינע פיינט וואס הערין מיין בייז טוען זיך פרייען. זייא האבין גימאכט שווימען וואסער אויף מיין קאפ איך האב גיטראכט איך בין גיווארין פאר שניטין. דיא עצה איז פאר שטויסין גיווארין פון מיר און עס איז ניט פאר האנדין אין מיר קיין הילף. מיט סכנת נפשות מוז איך ברייננגען מיין ברויט. און פון דיא ווענט פון מיין הויז ווערט דר קאנט אז איך בין אזו שווארץ וויא אקויל. עס איז נווארין איין גישרומפען מיין הויט אויף מיינע ביינער און זיא איז ווארין פאר דארט וויא העלצער. מיין גישטאלט איז ווארין פינסטער פון איין שווארצע קויל. מען דר קענט מיך ניט אויף דער גאס. עס איז ווארין פאר שטערט די פרייד פון מיין יום טוב און שבת און ראש חודש. איך טוא דאס גידיינקען ווערט מיין לייב אויף מיר איין גיבויגין. גאט האט מיך גיטאן שטראפין מיט אזעלכע יסורים וואס איז מבטל פון דר תורה און תפלה. אלע מיינע גלידער זיינען אין מיר צו טראטין. אויף דעם דאווינין טוא איך וויינען און מיינע אויגין רינען וואסער. און עס איז צווא גאנגען דאס גאנצע הארץ און דיא וואסער גייען אויף אלע מיינע קניען. און איך הייב אויף מיינע אויגין צו דיא הימלען וואו ארום ועט קומען מיין הילף. ווייל מיין גוטש איז פון מיר אוועק גינומען גיווארין און איז ווארין גיווארפין אויף דער גאס. און תמיד טוא איך זיפצין מיט צווא בראכענעם גוף. אבער דאס ווערט מיר גירעכינט צוא איין שאנד און לעסטורקייט. דען איך בין ווארין פאר נארישט דאס האט פאר

פריסט

על יי יזעף לבי וערקי : ושמעתי אומרים ורעיוני נתמלאו נבלים . ולא בנעימים נפלו לי חבלים . באמרם אשר חטא מן הקדש לעבור חקו . ישלם השם לעשה רעה לרעתו וכדרכו : ובגלל הדבר הזה . אני מענה מדכא ונבזה : וזאת אשיב אל לבי . ורוח תנחומין לא נשאר בקרבי : כי אין דן דיני למזור . ואפס עצור ועזוב ועזור : אך כי טוב יי לכל במדתו האהובה . לאמר הנפש החוטאת תעשה תשובה : על כן שמתי נפשי בכפי . בגפי אבא ואצא בגפי : עזר לי להמציא בנגדי . את פני גואלי ופודי : ואומרה לנפשי אלכה לי שדה בוכים . אולי יאהבני אישי כשושנה בין החוחים : ואלך אחר אשר אמצא חן בעיניו . להמליץ בעדי אל אדוניו . להסיר מעלי משפטיו ודיניו . אם על המלך טוב וכשר הדבר לפניו . באתי הנה אל בית מנוחתך ולמקום קבורתך להשתטח על קברך לבקש ממך להתפלל בעדי אל אלהיך וצורך אך

---

קריכט מיין וועג . און וויא זאל מיין לייב מיט דיא אדערין צארינען אויף גאט . און איך האב גיהערט זאגין און מיינע גידאנקען זיינען פול מיט טראכטונג . דאס מיין טייל איז מיר ניט גיפאלין מיט זיסקייט . דרום זאגין זיי אז דער וואס זינדיגט קעגין גאט איבער צוא גיין זיין גיזעץ . דעם בצאלט גאט אזו וויא זיין בייז וואס ער האט גיטאן . און דורך דער דאזיגער זאך בין איך גיפלאגט און צוא שטויסין און דאס נעם איך מיר צום הארצין און קיין שום טרייסטונג איז ביא מיר ניט גיבליבין וויל קיינער טוט ניט משפטן מיין משפט איך זאל דער פון גיהייליגט ווערין און עס איז ניט פאר האנדין קיין שטארקער ער זאל מיר העלפין און אויף האלטין מיין גריכט גייערט וייל גאט איז גוט צוא אלע מיט זיין גיליבטער מדה צוא זאגין דאס לייב וואס זינדיגט זאל טאן תשובה . דרום האב איך מיך דר וועקט צוא בעטין . איך בין אליין גיקומען און וועל אליין אוועק גיין . איך זאל מיר קריגין איין העלפער ער זאל פאר מיר בעטין צוא מיין אויס לייזער . און איך דאכט ביי זיך זעלבערט איך וועל גיין אויף דיא פעלדער וואס מען פלעגט צוא וויינען . טאמער וועט מיין גאט מיך ליב האבין אזו וויא דיא רויז וואס וואקסט צווישין דערנער . און איך וועל גיין נאך אזעלכין וואס איך זאל גיפינען חן אין זיינע אויגין ער זאל אמליץ זיין פאר מיר צו זיין הער ער זאל פון מיר אפ טאן זיינע משפטים און זיין דין טאמער וועט דאס דעם קיניג וואול גיפעלין . און דיא זאך וועט גיפעלין אין זיינע אויגין און איך בין גיקומען אהער צוא דיין רוהע הויז . און צוא דעם ארט וואו דיא ביסט באגראבין .

עַצְמִי וּבְשָׂרִי אָתָּה וּמִבְּשָׂרְךָ אַל תִּתְעַלָּם וְזֶה חַסְדְּךָ אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה עִמָּדִי לְחַנֵּן בַּעֲדִי אֶל יְיָ אֵל עוֹלָם: וְקוּמִי רוֹנִּי בַלַּיְלָה לְרֹאשׁ אַשְׁמֻרוֹת. נוֹכַח פְּנֵי יְיָ קוֹרֵא מֵרֹאשׁ הַדּוֹרוֹת שְׂאִי אֵלָיו כַּפַּיִךְ עַל נֶפֶשׁ קְרוֹבֵךְ וַאֲהוּבֵךְ: יִסְלַח יְיָ לַעֲוֹנִי וְהִרְבָּה לְהָשִׁיב אַפּוֹ וְלֹא יָעִיר כָּל חֲמָתוֹ. יָסִיר מֵעָלַי שִׁבְטוֹ וְאַל תְּבַעֲתֵנִי אֵימָתוֹ. רְאֵה עֲמִידָתִי דַּל וְרֵק מִכֹּל בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל. בְּרָעָב וּבְצָמָא כִּזְאֵב יִטְרוֹף וּכְדוֹב שַׁכּוּל. אֲשֶׁר לֹא מָצָא לִרְעָבוֹ לֶאֱכוֹל. רַבּוּ מְאֹד צָרוֹתַי וְדַאֲגוֹתַי עַד אֲשֶׁר מֵעֵינַי תִּדַּד שְׁנָתִי נִשְׁתּוֹמֵם לִבִּי לֹא אוּכַל לִבְכּוֹת. כִּי מָלֵאתִי בֶּהָלוֹת רַבּוֹת יָגוֹן וַאֲנָחוֹת. מִסַּרְעַף וְקֶרֶב טוּחוֹת. עַד אֲשֶׁר נִתְמַסְמְסוּ וְנִתְמַזְמְזוּ בִּי כָּל הַכֹּחוֹת. עַל כֵּן קוּמִי נָא עִמְדִי נָא הִתְעוֹרְרִי נָא וְלִישׁוּעָתָה לִי לְכָה נָא עִם סִיַּעַת מְרַחֲמֶיךָ. מִי וָמִי הַהוֹלְכִים עִמָּךְ. וְחַלּוּ נָא פְּנֵי אֵל רַחוּם וְחַנּוּן. בְּעַד נַפְשִׁי הָאֻנוּן. יַעַשׂ נָא עִמָּדִי חֶסֶד

צוא פאר שפרייטין זיך אויף דיין קבר צוא בעטין פון דיר דוא זאלסט מתפלל זיין פאר מיר צוא דיין גאט און צו דיין בשעפער · דען דוא בישט דאך מיין בלוט און פלייש · און פון דיין פריינד זאלסטו זיך ניט פאר הוילין · און דאס איז דיין גינאד וואס דוא זאלסט מיט מיר טאן צוא באשיצין פאר מיר צוא דעם איבינגין גאט · און שטייא אויף און זיי מתפלל בייא נאכט אין דעם ערשטין טייל פון דר נאכט צוא גאט ב״ה וואס ער האט אלע גיבירט אים גירופין צוא אן הייב בשעת ער האט באשאפין דיא וועלט · הייב אויף צוא אים דיינע הענט אויף דעם לייב פון דיין קרוב און דיין ליב האבער דאס גאט זאל פאר געבן צוא מיינע זינד און זאל מערין ווידער קערין זיין צארין · און זאל ניט דער וועקין גאר זיין גרים צארין · ער זאל פון מיר אפ טאן זיין רוט און זיין פארכט זאל מיך ניט פאר דארבין · זעה מיין שטיין איז ארום און ליידיג פון ארים און נאקיט און אלץ גייט מיר אפ . אין הונגער און דארסט אזו וויא איין וואלף פאר צוקט און וויא איין בער צוא רייסט פאר הונגער און פאר נוארפט ווייל ער קריגט ניט עפעס צוא עסין · מיינע צרות און דאגות זיינען זייער פיל ביז דער שלאף ווערט פאר וואגילט פון מיינע אויגין · מיין הארץ איז ווארין פאר שטאפט איך קען ניט וויינען · דען איך בין פול מיט דער שרעקינעס און טרויערקייט מיט זיפצין · פון וועגין דיא פיל שווערע גידאנקען ביז אלע מיינע קראפטין זיינען אין מיר צוא גאנגען · דרום אזו בעט איך דיך שטייא אויף און דער וועק דיך און גייא צוא מיין הילף מיט דיא טייל פון דיינע ליב האבער וועלכע דו פאר שטייסט זיי זאלין מיט דיר גיין · און בעט פאר דעם גאט וואס ער איז ארחום יחנון · און בעט פאר מיין טרייערינע

ויושיעני מצרותי . למען אוכל לשמור משמרתי מצותי חקותי ותורותי . ויסיר מעלי דאגותי . וימלא במדה טובה משאלותי . אשר אני מבקש ומתחנן לפניו . יאר יי׳ אלי את פניו . ואת חטאתי ושגגת האולת . תהא אריכות ימים מבטלת . אולי אוכל לעשות תשובה שלמה . ולתקן החסרון והפגימה : עד אשר אצא ידי חובתי . ואבוא בכבוד ובשלום אל מנוחתי . ויהיה נחת לרוחי לנפשי ולנשמתי מן העולם הזה בצאתי . ויקום לנא מן שמיא רחמי וחיי אריכי ומנוחה עד זבולא בתריתא ושלמא בקדמיתא ובבתריתא אמן :

ו אבקשה פאר אזון צוא זאגין אויף זיין פאטערש קבר :

שלום עליך אדוני אבי ומורי : הודי זיוי והדרי . עלי מוטל לכבד אותך בחייך ובמותך . כי אני בשר מבשרך ועצם מעצמך ומאברך ודמך . אחרי היותך משתתף בבריאתי . לעולם הזה בצאתי . אשר לטובה היתה הכונה . כאשר על נשמתי עור ובשר וגידים

---

טרויערינע נשמה . ער זאל מיט מיר טאן חסד און זאל מיר העלפין פון מיינע צרות . פון וועגין איך זאל קענען היטין זיינע מצות און מיין געזעץ און מיין תורה און זאל אפ טאן פון מיר מיין זארג . און מיט אגוטע מדה זאל ער זיר פילין מיין גיבעט . וואס איך בעט פאר אים . און גאט זאל מיר מאכין לייכטין זיין שכינה . און מיינע זינד די נארישע און אום גערינגע זינד . זאל עס מבטל זיין דיא לאנגע טעג דאס מיינט מען ער זאל מיך דער צוא לאזין לאנג לעבין . טאמער וועל איך קענען נזאן ארעכטע תשובה צו נאר ריכטין דעם חסרון און דעם פגם ביז איך וועל קענען לויז קומען פון מיין שולד . און איך וועל קומען מיט כבוד און מיט שלום צוא מיין רוא . און ווערט זיין איין נחת רוח פאר מיין לייב און מיין נשמה בשעה איך וועל אוועק גיין פון דער וועלט . און עס זאל אונז פון דעם הימל אויף גיליינט ווערין דער בארימקייט און לאנג לעבין און רוא ביז דיא לעצטע לאפיטע ערד וואס מען שיט אויף דעם קבר און עס זאל זיין פריד צום ערשטין און צום הינטערשטין אמן :

שלום פריד צוא דיר מיין הער פאטער און מיין לערנער . מיין ציראט און לויטערקייט און מיין שיינקייט איך בין שולדיג דיר כבוד אן טאן ביא דיין לעבין . און נאך דיין טויט ווייל איך בין פלייש פון דיין פלייש און ביין פון דיין ביין . און בין נוי דיינע גלידער און דיין בלוט ווייל דוא האסט גיהאט איין חלק אין מיין בשאפינקייט בשעה

שי

בנה . יי חפץ למען צדקו . להביאני על פני תבל ארקו . אולי אבנה אנכי ממנה . להמשיך הגוף אחר הנשמה להיות כל כמינה . ולזכותי לרב טוב הצפון . אשר שם חלקת מחוקק ספון . אך מסבות מטרד בת מי זהב . ושאר דברים אשר מסבות מתהפך וגלגלא דיומא הוא דהדר ואת והב אין אני יכול לעמוד בהאורב היושב בהחדר . ובנה עלי ויקף מצודים גדולים גדר מזה ומזה גדר . ולא יכולתי לעמוד בו וגרדי נתן ריחו עד שהמלך במסבו . והרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי . וכזאת וכזאת עשיתי . ועתה אחרי כל הבא ודאי לנו הסבה אך לא במרד ובמעל פעלתי פועל והסבות ידועות ממעשי הגרועות . והנה אחרי שובי נחמתי . ומעשי ללבי שמתי . ואחרי הודעי ספקתי על ירך באמור לנפשי לקוב אויבי קראתיך והנה ברכת ברך . ועתה אדוני

---

איך בין אַרוים גיגאנגען אויף דער וועלט וואס די כוונה איז געווען צו גוטין דאס איבער מיין נשמה איז גיבוים גיוואָרין הויט און פלייש און אָדערין דען גאט האט בגערט פון וועגין זיין גירעכטיקייט מיך צוא בריינגען אויף דער וועלט . פילייכט וועל איך דורך דעם פאר בעסערט ווערין נאך צוא ציהען דעם גוף נאך דער נשמה צוא איר גלייך זיין . און מיך מזכה צוא זיין צוא דעם פיל פאר בארגינע גוטס . אזי איין טייל וואס משה רבינו איז רארט באהאלטין גייערט פון וועגין די טרדות איבער דעם געלט . און אנדירע זאכין וואס דורך זייא ווערט דער מענטש פאר קערט . און דער גלגל פון דעם טאג ווערט פאר קערט איבער דיא וועלטליכע גאב אזו קען איך ניט באשטיין קעגין דעם לויערר דער יצר הרע וואס ער זיצט אין דעם קאמער פון מיין הארץ . און בויט איבער מיר און רינגילט מיך ארום מיט גרויסע פעסטונג און פאר צאמט מיך פון אלע זייטין און דרום קען איך ניט באשטיין קעגין אים . און בשעת איך בין נאך אין בעסט האט מיין בינטיל בשמים פאר לאזין זיין גישמאק און האב פאר ענדערט מיינע ווערקין . און דורך דעם איז וואָרין אפ גיהאקט מיין פרנסה ווייל איך האב פיל אזעלכע זאכין גיטאן . און איצונד ווייל דאס אלץ איז גישעהען איז דאס גיוויס אז מיר זיינען דיא סבה דער פון אבער איך האב עס ניט גיטאן מיט ווידער שפעניקייט און מיט פעקשונג דען די סבות וואס איך בין גיקומען צוא מיינע שלעכטע מעשים דאס ווייסט מען דאך . און איצונד האב איך מיך ווידער גראכט און האב מיר גינומען צוא מיין הארץ מיינע שלעכטע ווערקין . און נאך דעם אז איך האב זייא דער קענט האב איך מיך גישלאגין אויף דער זייט און האב מתודה

אָבִי וּמוֹרִי מְלַפְּנִי וּמְעַבְּדֵנִי וְהוֹרִי . לֹא לְנַפְשִׁי לְבַד
הֲרֵעוֹתִי . אַךְ גַּם נֶגְדְּךָ פָּשַׁעְתִּי . עֵקֶב אֲשֶׁר הָיָה לִי
לְזַכּוֹתְךָ . לְמַעֲלָה רָמָה לְהַעֲלוֹתְךָ . זֹאת לֹא זֹאת
הַשְּׁפָלָה הִגְבַּהְתִּי וְהַגְּבוֹהָה הִשְׁפַּלְתִּי . וְעָלַי נֶאֱמַר
פָּשְׁעוּ בִי בָּנִים גִּדַּלְתִּי וְרוֹמַמְתִּי . אַךְ אָמְנָם כֵּן עֲדַיִן
רַחֲמֵי הָאָב עַל הַבֵּן . וַאֲנִי וְאַתָּה נְבַקֵּשׁ רַחֲמִים מֵרָם
עַל רָמִים וְזַךְ וְיָשָׁר פָּעֳלוֹ . וּבְהֵיכָלוֹ כָּבוֹד אוֹמֵר כֻּלּוֹ .
שׁוֹכֵן אֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ . לְהַחֲיוֹת לֵב נִדְכָּאִים וְהוֹלֵךְ
שְׁחוֹחַ . יְחָנֵנִי וַיֹּאמַר פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שַׁחַת . וְלֹא יֶחְסַר
לַחְמוֹ וְלֹא יָמוּת לַשַּׁחַת . כִּי רַבּוֹת מְאֹד אַנְחוֹתַי
מִסִּבּוֹת הַמּוֹנְעוֹת . וְעַל זֶה דָוֶה לִבִּי וְכָל אֵבָרַי מְטַפְּחוֹת
וּמְעַנּוֹת . אַךְ לִישׁוּעַת יְיָ קִוִּיתִי . כִּי נָפַלְתִּי קַמְתִּי .
יִשְׁמַע אֵל וְיַעֲנֶה וְיֹאמַר סָלַחְתִּי . וְנַפְשִׁי אֲשֶׁר גְּנוּחֵי
גָּנַח וִילוּלֵי יָלֵיל יִקַּח לְכַפָּרַת חַטֹּאתַי כְּהַקְרָבַת פָּרִים
וְאֵילִים בַּחֲצוֹצְרוֹת וְקוֹל חָלִיל . וְהִנֵּה הֲרִימוֹתִי אֶל יְיָ

---

מִתְוַדֶּה גִּיוֶועֶן אוּן זָאג צוּא מַיין זֵייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ גִּירוּפִין צוּא פְלוּכִין מַיין פַיינְד דֶעם יֵצֶר
הָרָע . אוּן דוּ הָאסְט אִים נָאךְ גִּיבֶּענְטְשְׁט דָאס דוּא הָאסְט אִים אַלְיָ נָאךְ גִּינֶעבִּין · אוּן
אִיצוּנְד מַיין הֶער פָּאטֶער מַיין לֶערִין מַייסְטֶער מַיין לֶערְנֶער אוּן מַיין וֶוערְקֶער נִיט צוּא
מִיר אַלַיין הָאבּ אִיךְ שְׁלֶעכְט גִּיטָאן גָאר אַנְטְקֶעגִין דִיר הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גִּיזִינְדִיגְט · דֶען
אָן שְׁטָאט וָואס אִיךְ וָואלְט דִיךְ גִּיקֶענְט מְזַכֶּה זַיין אוֹיף צוּא בְּרֵיינְגֶען דִיךְ צוּא אַיין הוֹיכֶע
מַעֲלָה אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס נִיט גִּיטָאן נָאךְ מֶער אִיךְ הָאבּ דָאס נִידֶערִינְגֶע הוֹיךְ גִּימַאכְט
אוּן דָאס הוֹיכֶע נִידֶערִיג גִּימַאכְט אִין אוֹיף מִיר אִיז וָוארִין גִּיזָאגְט דֶער פָּסוּק אִיךְ הָאבּ
קִינְדֶער דֶער צוֹיגִין אוּן הוֹיךְ גִּימַאכְט אוּן זֵייא הָאבִּין אִין מִיר וִוידֶער גִּישְׁפֶּענִיגְט . נָאר פוּן
דֶעסְט וֶועגִין אִיז נָאךְ דָאס רַחֲמָנוּת פוּן אַיין פָאטֶער אוֹיף דֶעם זוּן · אַזוֹ וֶועלִין מִיר
בְּנָאנְד בֶּעטִין דֶער בַּארִימְהַקַייט פוּן גָאט וָואס עֶר אִיז הוֹיךְ אִיבֶּער אַלֶע הוֹיכֶע אוּן זַיין
וֶוערְק אִיז לוֹיטֶער אוּן רֶעכְט פַארְטִיג · אוּן אִין זַיין פָּאלִישׁ גִיבִּין אִים אַלֶע כָּבוֹד · עֶר
רוּט בַּייא דִי פַאר שְׁטוֹיסֶענֶע אוּן בַּייא דִיא וָואס זֵיינֶען נִידֶערִיג פוּן גִימִיט צוּ דֶער נֶערִין
דָאס הַארְץ פוּן דִיא פַאר שְׁטוֹיסֶענֶע אוּן דִיא וָואס גֵייעֶן אַיין גִּיבּוֹיגִין . דֶער גָאט זָאל
זִיךְ אִיבֶּער מִיר דֶער בַּארִימֶען אוּן זָאל זָאגִין לֵייז אִים אוֹיס פוּן צוּ נִידֶערִין אִין דֶער גְרוּבּ ·
אוּן זַיין שְׁפֵּייז זָאל נִיט גִימִינְגֶערְט וֶוערִין אוּן זָאל נִיט שְׁטַארְבִּין צוּא דֶער גְרוּבּ דֶען מַיינֶע
יִסּוּרִין זֵיינֶען זֵייעֶר פִיל פוּן וֶועגִין דִיא זַאכִין וָואס פַאר מֵיידִין מִיךְ גוּטְשׁ צוּא טָאן · אוּן
דֶרִיבֶּער אִיז מַיין הַארְץ וֵוייטָאג אוּן אַלֶע מַיינֶע גְלִידֶער שְׁלָאגִין זִיךְ אוּן קְלָאגִין נֵייעֶרְט
אִיךְ הָאף צוּ גָאטֶס הִילְף · דֶען וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין גִיפָאלִין וֶועל אִיךְ וִוידֶער אוֹיף שְׁטֵיין

יָדַי . וְגַם אַתָּה חָלִילָה לְּךָ מֵחֲדוֹל מִלְּהִתְפַּלֵּל בַּעֲדִי . כַּאֲשֶׁר עַד כָּאן רַחֲמֵי הָאָב עַל הַבֵּן . וְרַחֲמֵי דְּאַבָּא אַבְּרָא דְּאִית לֵיהּ לְהָכִין אוֹתוֹ לְסַעֲדוֹ בְּמִשְׁעַנְתּוֹ כְּמוֹ בְּמַלְבֵּן . מִמִּשְׁכָּבְךָ עִמְדִי נָא . וְאַהֲבָה הַיְשָׁנָה עוֹרְרָה נָא . וְגַם עוֹרֵר אֶת מַלְאַךְ מַזָּלִי . לְהִתְפַּלֵּל בִּגְלָלִי . וִימַהֵר לַעֲשׂוֹת אוֹתוֹ קַמָּא קַמָּא דְּמָטוֹ יְבַקֵּשׁ עָלַי רַחֲמִים מֵהָאֵל הַנֶּאֱמָן בִּבְרִיתוֹ . וְאִמְרִי נָא אֵל רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם . נוֹצֵר חֶסֶד לָאֲלָפִים . רִבּוֹן כָּל הַבְּרִיּוֹת . הַמַּבִּיט מֵרֵאשִׁית אַחֲרִיּוֹת . וְהוּא אָמַר וַיְהִי תּוֹצֵא הָאָרֶץ נֶפֶשׁ חַיָּה לְמִינָהּ . וְאָדָם אֲשֶׁר בְּחוּץ חָכְמָתוֹ תָּרוֹנָה . לְהוֹלִיד בִּדְמוּתוֹ בְּצַלְמוֹ זֶה מִזֶּה מְכוּנָה . פְּרִי עֵץ חַיִּים וּבְשִׁתְּפוּת אִישׁ וְאִשָּׁה עִם הַשְּׁכִינָה . וְכָל הַמַּנִּיחַ בֵּן נִקְרֵאת גְּוִיעָתוֹ שְׁכִיבָה וְלֹא מִיתָה . אַחַת מִמִּצְוֹת יְיָ אֱלֹהָיו בַּעֲשׂוֹתָהּ . וְהִנֵּה נָא מָצָא עַבְדְּךָ חֵן בְּעֵינֶיךָ וַתַּגְדֵּל חַסְדְּךָ אֲשֶׁר עָשִׂיתָ עִמָּדִי לְהַחֲיוֹת אֶת

---

גאט זאל הערין און זאל מיר ענטפערין און זאגין איך האב דיר פאר געבין . און מיין לייל וואס זיא קרעכצעט און קלאגט דאס זאל ער נעמען פאר איין כפרה אויף מיינע זינד גלייך וויא איך וואלט מקריב געווען קרבנות פון בהמות און ווידער . מיט טרומייטן און פייפקען און נון איך האב אויף גיהייבין מיינע הענט צו גאט און האב אים גיבעטין . דיא רחמנות פון איין פאטער איבער זיין זון . און דיא רחמנות וואס איין פאטער גיהער צו האבין איבער זיין זון איז אים אונטער צו לעהענען און צוא העלפין אים אין אלעם וואס מעגליך איז . דרום שטייא אויף פון דיין גילעגער און דער וועק דאס אלטע ליבשאפט און דער וועק אויך דעם מלאך פון מיין מזל ער זאל בעטין פאר מיר . און זאל איילין צו טאן וואס צום פריערשטין ער זאל פאר מיר בעטין רחמנות פון דעם גאט וואס ער איז ווארהאפטיג מיט זיין זיכערהייט . און זאג איך בעט דיך גאט דער דא איז דער בארמיג און לייט זעליג ער האלט לאנג אויף זיין צארין . ער היט גינאד צוא צוויי טויזנט דורות . דער הער פון אלע באשעפענס וואס ער לוגט פון דעם אן פאנג זאך ביז דעם עק דער פון . און האט גיזאגט דיא וועלט זאל זיין און דיא ערד זאל ארויס ציהען אלערלייא לעבעדיגע לייבער . און אויך דער מענטש זאל בשאפין ווערין וואס אלע וועלין וויסין און זעהען זיין חכמה . און ער זאל גיווינען קינדער אין גישטאלט און זיין פורעם איינס פון דעם אנדערין זאל ווערין גיבויט דורך באהעפטונג פון מאן מיט זיין פרויא מיט דער שכינה דאס דיא שכינה זאל אויף זייא רוען . און איטליכער וואס לאזט איין זון וואס האלט דיא מצות פון גאט . אזו ווערט זיין טויט גירעכינט וויא ער וואלט

נאר

נַפְשִׁי וְלָשׂוּם לִי שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ לִהְיוֹת לִי לִפְלֵיטָה גְדוֹלָה מִיַּד מְקַטְרִיגַי וּבַעַל מִשְׁפָּטִי לָצֵאת לַחָפְשִׁי. וְאָנֹכִי לֹא אוּכַל לְהִמָּלֵט פֶּן תִּדְבָּקַנִי הָרָעָה וָמַתִּי מוֹתָא תִּנְיָנָא. בִּרְאוֹתִי רָעוֹת מוֹלַדְתִּי אֲשֶׁר הוּא מְדֻכָּא וּמְעֻנֶּה. וְאֵינִי יָכוֹל לָבוֹא לְהַשִּׂיג תַּכְלִית הַכַּוָּנָה אֲשֶׁר יְסוֹדוֹ עָלָיו נִבְנָה. לִשְׁמוֹר אֶת דֶּרֶךְ עֵץ הַחַיִּים. עַל כִּי הַמְּלָאכָה הָיְתָה דַּיָּם. מְסִבּוֹת הַמּוֹנְעוֹת וּמַטְרִידוֹת. וְהַיּוֹם רַד מְאֹד עֶשֶׂר יְרִידוֹת. וְהִנֵּה אַתֶּם מֵהָתָם וַאֲנַן מֵהָכָא. נִקְרָא לִשְׁכּוֹן אֶת דַּכָּא. יָסִיר מִמֶּנִּי הַמּוֹנֵעַ. יַדִּיחֵנוּ אֶל אֶרֶץ צִיָּה וּשְׁמָמָה וְנוֹעַ יָנוּעַ לְמַעַן אוּכַל לְעָבְדוֹ בְּלֵבָב שָׁלֵם. מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם. וּלְמַעַן אֲשֶׁר אֲצַוֶּה אֶת בָּנַי וְאֶת בֵּיתִי אַחֲרַי לְדוֹרוֹתָם. וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ יְיָ צְדָקָה וּמִשְׁפָּט לַעֲשׂוֹתָם. וְיָאֵר יְיָ וְיָהֵל כּוֹכְבֵי בַּשָּׁמַיִם. וְאַל יַעֲלֵנִי בַּחֲצִי יָמַי. וְאֶהְיֶה מִמְתִים יָדְךָ מֵחֶלֶד. וְעַד זְבוּלָא בַּתְרַיְתָא לֶהֱוֵי לִי שְׁלָמָא עַד

---

גאר ליגין און ניט גישטארבין · און נון האט דיין קנעכט גיפונען חן אין דיינע אויגין און האסט מיר איין גרויסין חסד גיטאן דאס דוא האסט מיך גימאכט לעבין · און האסט מיר גיטאן איין איבער בלייבונג אויף דער ערד עס זאל מיר זיין צוא איין גרוים בשירמונג פון מיין מקטרג און מיין קריגש מאן איך זאל קענען פון אים פרייא גיין · און איך קען ניט אנטרונען ווערין נייל טאמער וועט מיך בהעפטין דאס ביז דאס איך זאל מוזין צום אנדערין מאל שטארבין · אז איך זעה דעם שלעכטין שטאנד פון מיין גיבארינקייט וואס איז צוא שטויסין און גיפייניגט · און איך קען ניט קומען און גרייכין צו דר רעכטער כוונה וואס דרויף איז גיבויט דער רעכטער יסוד · צוא היטין דעם וועג פון לעבין . איבר דיא זאכין וואס פאר מידין און מאכין מיך מרוד פון גאט צו דינען און דיא צייט איז שוין זייער נייט פאר לאפין · און איצונד זאלט איר פון דארטין און מיר פון דאנען מיט אנאנדער רופין צוא גאט וואס ער רועט מיט דעם פאר שטויסינעם · דאס ער זאל אפ טאן פון מיר דעם יצר הרע וואס ער פאר מייט מיך פון גאטס דינסט און זאל אים פאר שטויסין און פאר וואגלען צוא איין וויסטע לאנד פון וועגין איך זאל קענען דינען גאט מיט דעם גאנצין הארצין פון איצונד ביז אייביג · און פון וועגין איך זאל גיביטין צוא מיינע קינדער און מיין הויז גיזינד וואס וועלין זיין נאך מיר · דאס זייא זאלין היטין דעם וועג פון גאט און טאן גירעכטיקייט און גירעכט . און גאט זאל דער לייכטין מיין שטערין אין הימיל · און זאל מיך ניט אוועק נעמען אין דיא העלפט פון מיינע טעג · און זאל זיין פון דיא וואס שטארבין אויף דער עלטער פון דיין האנט · און ביז דיא הינטערשטע לאפיטש

ער־

פני חרד . ויבקע כשחר אורי . וארוכתי מהרה יצמיח . ויצילני וימלטני ויפלטני מכל צרה וצוקה ועון ואשמה . ומכל העומדים עלי להזיקני . ומבני אדם הרעים ומעלילות . ומכל שעות רעות המתרגשות לבא בעולם ובגלילות . ויפתח לבי בתורתו . וישם בלבי אהבתו ויראתו . ויתנני לחן ולחסד ולרחמים בעיניו ובעיני כל רואי . ויחזק ויאמץ ידי לעבוד עבודתו ולעסוק בתורתו . ויזמין פרנסתי ופרנסת אנשי ביתי ברוח ובמלוי ובשפע לכל הנאמנים בבריתו . ותהא תורתי אמנותי . ויתן לי לב טוב וחלק טוב וחבר טוב ונפש שפלה ורוח נמוכה . ואל יתחלל בי שמו . ואל יעשוני שיחה בפי הבריות . ואל תהי אחריתי להכרית ותקותי למפח נפש . ואל יצריכני לידי מתנת בשר ודם שמתנתם מעוטה וחרפתם מרבה . כי אם לידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה . ויתן חלקי בתורתו עם עושי רצונו

---

ערד זאל מיר זיין פריד אויף דער וועלט . און מיין ליכט זאל שיינען אזו וויא דר מארגין שטערין און מיין היילונג זאל גיך שפראצין . און זאל מיך בשירמען און אנטרינען פאר אלע לייד און אנגשט און זינד און שולד און פון אלע וואס שטייען אויף אנטקעגין מיר שאדין צוא טאן . און פון אלע שרעקטע מענטשין און פון בלבולים . און פון אלע בייזע שעות וואס שטורמען צוא קומען אויף דער וועלט . און זאל עפינען מיין הארץ אין זיין תורה און זיין פארכט . און זאל מיך געבין צוא חן און חסד אין זיינע אויגין און אין דיא אויגין פון אלע וואס זעהען מיך . און זאל שטארקין און פעסטין מיין האנט צוא דינען אים און צוא לערנען זיין תורה . און זאל אן גרייטין מיין שפייז און דיא שפייז פון מיין הויז לייט און צוא אלע וואס זיינען גיטרייא אין זיין זיכערהייט מיט דער ווייטערונג און דער פילונג און מיט פליסונג . און מיין תורה זאל זיין מיין ווערק און גיב מיר איין גוט הארץ און אגוטע מייל און איין גוטין חבר איין גידעריג און זונטער טעניג גימיט און זיין נאמען זאל דורך מיר ניט פאר שוועכט ווערין . און ער זאל מיך מאן דאס דיא לייט זאלין פון מיר ניט ריידין און מיין לעצט זאל ניט זיין צו פאר שניידין . און מיין האפענונג זאל ניט זיין פערוועדקיים און זאל מיך ניט מאכין בדארפין צוא דעם גאב פון מענטשין וואורום זייער גאב איז ווייניג און זייערע שאנד איז פיל נייערט צוא זיין פולע האנט די אפענע דיא הייליגע און די ברייטע . און ער זאל געבין מיין חלק אין זיין תורה

מיט

בְּלֵבָב שָׁלֵם. וִיזַכֵּנִי לִרְאוֹת וּלְגַדֵּל בָּנִים וּבְנֵי בָנִים הָעוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת. וְיִהְיוּ מְמֻלָּאִים וּמְזוֹרָזִים בַּתּוֹרָה בְּעוֹשֶׁר וּבְכָבוֹד בְּלִי שׁוּם מַחְסוֹר. וִיזַכֵּנִי לִרְאוֹת בִּנְיַן בֵּיתוֹ וְהֵיכָלוֹ וּמִקְדָּשׁוֹ וְעִירוֹ בְּהוֹדוֹ וְתִפְאַרְתּוֹ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ. וְיוֹשִׁיעֵנִי בְּרַחֲמָיו וַחֲסָדָיו הַמְּרֻבִּים. מִכָּל צָרָה וְצוּקָה. וְגַם אַתָּה אֲדוֹנִי מוֹרִי וְאָבִי. אֲשֶׁר אַתָּה מוֹרַשִׁי לְבָבִי. יְמַלֵּא יְיָ כָּל מִשְׁאֲלוֹתֶיךָ וְתַאֲוָתֶךָ לְהַעֲלוֹת נִשְׁמָתְךָ כְּחֶפְצֶךָ. וְתָנוּחַ וְתַעֲמוֹד לְגוֹרָלְךָ לְקֵץ הַיָּמִין. וְחָיְתָה נַפְשִׁי בִּגְלָלֶךָ. וְיִבָּנֶה עַל מִשְׁפָּטוֹ אַרְמוֹן:

הייב אויף דיינע אויגין און דיינע הענט צוא גאט אין הימל און זאג:

רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵי הַצְּבָאוֹת יוֹשֵׁב הַכְּרוּבִים הָאֵל הַמְפוֹאָר הַמְפוֹרָשׁ בְּשִׁבְעִים וּשְׁתַּיִם שֵׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים הַמְפוֹרָשִׁים בִּנְקִיּוּת וּבְטָהֳרָה שֶׁיִּהְיוּ פְּתוּחִים לְפָנַי תָּמִיד שַׁעֲרֵי תוֹרָה וְהַחֵן וְהַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים וְשָׁלוֹם וְהַחָכְמָה וְהַמַּדָּע וְהַתְּבוּנָה וְטָהֳרָה וּנְקִיּוּת וּפְרִישׁוּת וְרֶוַח וְהַצָּלָה בְּכָל מַעֲשֵׂי יָדָי.

---

מיט דיא וואס טוען זיין ווילין מיט אנאנץ הארץ. און ער זאל מיך מזכה זיין צוא זעהען און מגדל צוא זיין קינדער און קינדש קינדער וואס לערנען תורה און זאלין עוסק זיין אין מצות. און זאלין זיין דער פילט און גיפרישט אין דער תורה אין עושר און כבוד און עס זאל זיי קיין שום זאך ניט אפ גיין. און ער זאל מיך מזכה זיין צוא זעהען וויא זיין בית המקדש און זיין היכל און זיין שטאט ירושלים וועט גיבויט ווערין מיט זיין שיינקייט און הערליכקייט באלד אין אונזערע טעג. און זאל מיר העלפין מיט זיין דר בארימקייט און זיינע פיל גינאד פון אלע לייד און באצווינגענים. און אויך דוא מיין העֶר פאטער מיין לערין מיינסטער און מיין פאטער וואס דוא ביסט דאס בעסטע פון מיין הארץ. גאט זאל דער פילין אלע דיינע גיבעט און דיין גילוסטיקייט ארויף צוא ברייגגען דיין נשמה אזו וויא דיין באגער איז. און זאלסט רוען און ווידער אויף שטיין צוא דיין גורל אז דאס רעכטער קץ וועט זיין. און מיין זייל זאל לעבין אין דיין זכות און דאס בית המקדש זאל גיבויט ווערין אויף זיין רעכטין שטאנד:

רבון הער איבער אלע וועלטין עס זאל זיין דער ווילין פון דיר גאט איבער די הויר שארין דער דא זיצט איבער דיא כרובים. דער פאשיינטער גאט וואס ער ווערט בשיינט מיט צוויא און זיבעציג שמות דיא היילינע און ווערין באשיינט מיט ריינקייט. דאס פאר מיר זאל אלע צייט אפין זיין די טויערין פון תורה און חן און חסד און דר בארימקייט און פריד און חכמה און וויסין שאפט און פאר שטאנדיקייט. און ריינקייט און זויבערקייט און פרומקייט. און דער ווייטערונג און באשירמונג אין אלע דיא ווערקין פון מיינע הענט

יתנני ברכה בקרב הארץ · ותצליח אותי בכל עניני ומעשי ועסקי ותהיה השגחתך עלי תמיד לטובה ולעזור ולסמוך ולהועיל ולאורה כשמש בתקופת תמוז וכלבנה בטהרתה בחצי החדש בכל מקום שאלך ואבוא ואצא ואכנס ודברי יהיו רצוים לפניך ומקבלים בעיני הבריות · ויהיו מתוקים כדבש ונופת צופים גם בעיני כל האדם מעתה ועד עולם אמן סלה ועד :

רבון כל העולמים סלח לי לכל חטאתי ומחול לי על כל פשעי וכפר לי על כל עונותי רפאני יי וארפא הושיעני ואושעה כי תהלתי אתה והאר עיני במצותיך והצילני מחרב ומחלים רעים ומעצות רעות ומעזי פנים ומעזות פנים מאדם רע ומחבר רע ומשטן המשחית ומשכן רע ומפגע רע וממקרה רע ומכל שעות רעות המתרגשות לבא בעולם ומהרהורים רעים ועשה עמי חן וחסד ואברכה את שמך לעולם ועד ואודך כל ימי חיי ובשלום תמלא מספר ימי ובחיים טובים ובשעה טובה ובמיתה טובה · ויהיה יום מיתתי כיום לדתי שלא ימצא בי שום חטא ועון ואשמה ורשע ואם המצא ימצא בידי שום דבר פשע תהיה מיתתי

---

הענט · און גיב מיך איין בענטשונג צווישן לאנד · און זאלסט מיר באגליקין אין אלע מיינע זאכין און מיינע ווערקין און גישעפטין און זאלסט אויף מיר אכטונג געבין אלע צייט צו גוטין און צו העלפין און אונטער צוא לעהנען און צו לייכטין וויא די זון אין תקופת תמוז און וויא די לבנה אין ריינקייט אין מיטין חודש אין אלע ערטער וואס איך וועל גיין און קומען און אוים גיין און איין גיין · און מיינע רייד זאלין פאר דיר זיין באוויליגט · און אן גינומען אין די אויגין פון לייט · און זיי זאלין זיין אזו וויא האניק און זיסע טראפין אין דיא אויגין פון אלע מענטשין פון איצונד ביז אייביג אמן סלה ועד :

רבון הער איבער אלע וועלטין פאר גיב צוא אלע מיינע זינד און זייא מיר מוחל אויף אלע מיינע מיסטייט · און פאר גיב אויף אלע מיינע פאר קרימקייט · הייל מיך גאט וועל איך זיין גיהיילט · העלף מיר וועל איך זיין גיהאלפין וייל דוא ביסט מיין לויב · און דער לייכט מיינע אויגין אין דיינע מצות · און באשירעם מיך פון שווערד און פון בייזע קראנקהייט און פון בייזע עצות און פאר איין עזות פנים · פאר איין בייזין מענטשין און פאר איין בייזין חבר · און פאר דעם שטן דער פאר דארבער · און פאר איין בייזין שכן און פאר בייזע בגעגעניש · און פאר בייזע טרעפונג און פאר אלע בייזע שעות וואס שטורמען צוא קומען אויף דער וועלט און פון בייזע גידאנקען · און טוא מיט מיר חן און חסד · און איך וועל לויבין דיין נאמען אויף אייביג און וויא לאנג איך וועל לעבין · און מיט פריד זאלסטו דער פילין די צאל פון מיינע טעג · און מיט איין לעבין פון אגוטע צייט און אגוטין טויט · און דער טאג פון מיין טויט זאל גלייך זיין וויא דער טאג וואס איך בין גיבארין גיווארין דאס עס זאל ניט גיפונגען ווערין אין מיר קיין שום זינד און אום רעכט

כפרה על כל עונותי ותצילני מחבוט הקבר ותנוח נפשי בצרור
החיים ונקני ביום הדין וצדקני ביום המשפט ותטע בלבי עצות
טובות ותטיב לי כל החזיונות וכל החלומות שחלמתי אני
לעצמי ושחלמו עלי חברי והבא עלי ברכות כהנים ותצליח
דרכי ומחשבותי לטובה ותשמע קול תפלתי ותעשה את שאלתי
ובקשתי ברחמים בזכות כל הצדיקים והחסידים וקדושים
הנקברים פה הנפטרים על קדשת שמך ובזכות כל צדיקי וחסידי
עולם. יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך יי צורי וגואלי:

ווען איינער וויל זיך קלאגן אויף זיין פאטערש קבר אויף זיינע צרות זאל ער דאס זאגן

שלום לך אבי מורי. מלפני ומחכמני והורי. שלום
לך ושלום לנשמתך. והיתה שלמה מנוחתך:
עתה באתי אדוני אבי. להודיעך צערי ומכאובי.
ירדתי מטה מטה. בבא כנגד הגלגל להחליף השטה
בודאי נאמן עלי הדין. ומפי עליון לא תצא הרעות
והטוב לי עיון. וקודשא בריך הוא לא עביד דינא
בלא דינא. באשר חטאתי נגדי תמיד קיש קיש
קריא באסתרא בלגינא. וחלילה לאל מרשע. להכות

אזן שולד און בייזקייט און אויב עס וועט יוא גיפונען ווערין אין מיר איין שום זינד. זאל
מיין טויט פאר געבין אלע מיינע זינד און בשירעם מיך פון חיבוט הקבר. און מיין נשמה
זאל רוען אין דעם בונד פון לעבין און מאך מיך ריין אין דעם יום הדין און מאך מיך גרעכט
אין דעם טאג פון משפט. און פלאנץ אין מיין הארץ גוטע עצות. און באגיטיג אלע
בחזיונג און אלע חלומות וואס מיר האט זיך גיחלמת פאר מיר זעלבערט. אדער וואס
מיינע חברים האט זיך גיחלמת אויף מיר. און ברייננג אויף מיר די ברכות פון די כהנים
און זאלסט באגליקין מיין וועג און מיינע גידאנקען צו גוטין. און דער הער דאס קול פון
מיין גיבעט און טוא מיין באגער מיט דער בארימקייט פון וועגין דעם זכות פון אלע
צדיקים און חסידים און היילינע מאנען און ווייבער וואס זיינען דא באגראבין דיא וואס
זיינען גישטארבין פון וועגין דיין היילינין נאמען און פון וועגין דעם זכות פון אלע צדיקים
און חסידים וואס זיינען אויף דער וועלט זיי זאלין זיין צוא ווילין דיא רייד פון מיין מויל
און די גידאנקען פון מיין הארץ פאר דיר גאט מיין באשעפער און מיין אויס לייזער
שלום פריד צוא דיר מיין פאטער מיין הער מיין לערנער און מיין טראגער פריד צוא דיר
און פריד צוא דיין נשמה. און דיין רואונג זאל גאנץ זיין. איצונד בין איך גיקומען
מיין הער פאטער דיר צו מאכין וויסן מיין צער און מיין וויא טאג. איך בין זייער
נידעריג אראפ. דאס דער גלגל איז ווארין פאר קערט אויף מיר. דאס איז גיוויש או
אט ברוך הוא דער דין איז ווארהאפטיג. און אויס דעם מויל פון דעם אויבערשטי
[illegible]

באגרוף רשע . בלי עון ופשע . אמנם גם אנכי ידעתי כי אין העולם בדין מתקים . לכן כאשר בריאת העולם סים . הקדים מדת רחמים לדינא . למען עולם חסד יבנה . ואדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא . והאי גברא נמי יתיב בהאי פחדא . אך העולם נדון אחר רבו . ומקום הניחו לנו להתגדר בו . והחיים יורשים את המתים למשפחותם לבית אבותם . להתקים ולעמוד בזכותם . כי כן יסד רב חסד . מטה כלפי חסד . כדי שלא תצא כאש חמת הפשעים ולחלק לא תצא ההבערה . ויהיה העולם מתקים כי לשבת יצרה . על כן עתה כאשר צר לי . בעון פשעי ומעלי . באתי הנה אל קברך . להודיעך צער וצרת ברך . איך נשתנו עליו סדרי בראשית . וככובד אבן ונטל החול עליו השית . והנני בוכה ומבכה אחרים עמי . על כי לא יהלו כוכבי שמי . כואב ודואג

---

גייט ניט ארויס מיט פלייס דאס גוטס און דאס בייז · גייערט דער מענטש טוט זיך אליין אליין און גאט ברוך הוא שטראפט קיינעם ניט אום זיסט . גייערט מיינע זינד שטייען אלע צייט קעגין מיר און קלאפין און שרייען אזו וויא איין מטבע וואס זיא איז איינע אליין אין אקריגיל קלאפט זיא שטארק און חליקה גאט זאל אום רעכט טאן צוא שלאגין איינעם אן שום זינד און מיסטייט נאר איך ווייש אויך אז דיא וועלט קען ניט האבין קיין קיום ווען מען זאל זיא משפטין נאר מיט דין · דרום בשעה גאט האט בשאפין די וועלט האט ער גישטעקט דעם מדת הרחמים פאר דעם דין · פון וועגין דיא וועלט זאל מיט חסד גיבויט ווערין . און קיין מענטש איז ניט אזו פרום אויף דער וועלט וואס ער זאל טאן גוטס און זאל גאר ניט זינדיגין · און איך זעלבערט בין אויך אין דעם פארכט נאר וייל די וועלט ווערט גישפט נאך דעם רוב . אזו קען מיר דאס אויך צוא הילף קומן און דאס די לעבעדיגע ירשנן פון דעם זכות פון זייערע עלטערין צוא קענען באשטיין און גיניסין זייער זכות דען גאט האט גינרונד פעכטיגט גאט וואס ער איז פיל גינאד און גייגט צו דעם גינאד פון וועגין דעם צארין פון די זינדיגע זאל ניט ארויס גיין וויא פייער און זאל חס ושלום דיא וועלט פאר ברענען : און דאן ווערט די וועלט האבין אקיום ווארום זיא איז דאך באשאפין גיווארין זיא זאל ווערין באזעצט דרום איצונד אז עס איז מיר אייגג דורך מיינע זינד און מיין פעלשונג בין איך אהער גיקומען צוא דיין קבר דיך צוא מאכין וויסין דעם צער און די צרות פון דיין זון · וויא אויף אים איז ווארין פאר ענדערט דער סדר פון ששת ימי בראשית · אויף אים איז גיטאן גיווארין אזעלכע משאוה וויא

דיינע

ואנח . ילולי יליל וגנוחי גנח . על רוע מזלי . וחזרת גלגלי . נעויתי עד מאד שחותי . כל היום קודר הלכתי: ואמרתי אילו ידע אבונן בהאי צערא . היה מהפך בתפלתו על פיה הקערה . והנה על משכבי בלילות . מגודל אנחותי ויללות . תמיד משכבי עד קומי . לא אתנה דמי : אשחה בכל לילה מטתי בדמעתי עששה מכעס עיני בכל צרותי . חזרתי ואמרתי מה אנא מוביד סברי מן ברי . אבקש מעם יי עזרי . ואחישה מפלט לי מרוח סועה מסער . להודיע לאבי הצער . אולי יחנני יי בזכותו . וישמע את תפלתו . ויצילני מזאת הצרה . ויוציאני מאפלה לאורה . לכן נא אדוני אבי מורי . ראה תראה בעניי וצערי . מהר נא נוכח יי דרכך . עבור צאצאיך אשר גדלת על ברכיך . חל נא פני אל ויחנני . מגדל צערי ואוני . ויצילני ויסיעני . אלהי עושי וקוני . ויהיה למגן בעדי .

---

זיינען שווער וויא שטיינער און זאמד . און איך טוא אליין וויינען און מאך אנדערע מיט מיר וויינען דרויף וואס מיין שטערין אין הימיל טוט ניט לייכטין איך טרויער און זארג און זיפץ און טוא קלאגין און קרעכצין אויף מיין בייז מזל און וואס מיין גלגל האט זיך ווידער גיקערט . איך בין זייער פאר קרימט און איין גיבויגין . איך גייא ארום דעם גאנצין טאג שווארץ :

ואמרתי און איך טוא זאגין ווען אונזער פאטער זאל וויסין פון דעם צער וואלט ער מיט זיין תפלה אלץ איבער גיענדערט . און נון בייא נאכט אויף מיין גילעגער פון וועגין די גרויסע זיפצין און קלאגין און אלע צייט פון מיין לייגין ביז מיין אויף שטיין טוא איך ניט שווייגין . איך טוא איין ריכטין מיין בעט אלע נאכט מיט מיינע טרערין . מיינע אויגין זיינען ווארין טונקיל איבער אלע מיינע לייד דער נאך האב איך ווידער גיזאגט ווארום זאל איך מיין האפונג פאר לירין פון מיין באשעפער . איך וועל בעטין פון גאט מיין הילף און וועל מאכין וויסין צוא מיין פאטער מיין צער . טאמער וועט זיך גאט איבר מיר דער בארעמען דורך זיין זכות און וועט דער הערין זיין גיבעט און וועט מיך בשירמען פון דער דאזיגער צרה און וועט מיך אויס ציהען פון פינסטערקייט צו ליכטיקייט דרום נון מיין הער און לערנער דוא זאלסט זעהען אין מיין פיין און מיין צער . אייל נאך אנטקעגין גאט דיין וועג פון וועגין דיין קינד וואס דו האסט דער צויגין אויף דיינע קניא . בעט פאר גאט ער זאל מיך לייט זעליגין פון מיין גרויסין צער און מיין קלאגין און זאל מיך בשירמען און זאל מיר העלפין מיין גאט מיין באשעפער . און מיין אויס לייזער זאל

זיין

גואלי ופודי . ואם אין עושה בגיני . להסיר חרון אפו
ממני . יעשה בגין הקדושים אשר בארץ המה . ויסיר
מעלי החמה . והרבה להשיב אפו . ואל ידינני בקצפו.
ויושיעני מצרותי . וימלא במדה טובה ישועה ורחמים
משאלותי . וימשוך עלי חוט של חסד ורחמים להאריך
ימים ושנים . בנעימים ובלי מחסור . ואל אראה ברעה
ולא שום קלקול חבור הבריאה : וזכותך וזכות כל
צדיקי וחסידי עולם . יליצו בעדי כלם . ואתה אדוני
אבי מבשרך אל תתעלם . להרבות ולהפציר בתפלה
את פני יי אל עולם . ויוציאני מאפלה לאורה ומיגון
לשמחה . והוא רחום יכפר עון ולא ישחית והרבה
להשיב אף וקצף ומשחית . יי הושיעה המלך יעננו
ביום קראנו :

ווען מען אויף איין קראנקין וויל בעטין זאל ער זאגן פאר ואמרת ראם :

ראה והביטה . איך ידיד נפשי מוטל למטה . שוקיו
עמודי שש ירופפון . חיל ורתת יחופפון . והאש

---

זיין צו איין בשיצר פאר מיר . און אויב ער וויל ניט טאן פון מיינט וועגין זיין גרים צארין
פון מיר אפ צוא טאן ער זאל עס טאן פון וועגין דיא היילינגע וואס זיינען אין דער ערד .
און זאל פון מיר אפ טאן דעם גרים צארין און זאל מיך ניט משפטין מיט זיין צארין .
און זאל מיר העלפין פון מיינע צרות און זאל מיר דער פילין מיין באנער מיט זיין גוטע
מדה מיט הילף און דער בארימהקייט און זאל ציהען איבער מיר איין שנור פון חסד און
רחמים צוא דער לייננערין מיינע יארין און טעג אין זיסקייט און עס זאל מיר ניט אפ גיין
קיין שום זאך . און איך זאל ניט זעהען קיין בייז און אין מיין גיזונדקייט זאל ניט זיין קיין
שום מאנגיל און דיין זכות און דער זכות פון אלע צדיקים און חסידים פון דער וועלט
זאלין אלע פאר מיר ממליץ זיין . און דוא מיין הער מיין פאטער פאר הויל דיך ניט פון
דיין בלוט און פלייש צוא מערין און שטארק צוא בעטין פאר דעם אייביגין גאט ער זאל
מיך אויס ציהען פון פינסטערנעס צוא ליכטיקייט און פון טרויערקייט צו פרייד און ער איז
דער בארמיג ער זאל פאר געבין מיינע זינד און זאל ניט פאר דארבין און זאל מערין
חידער צוא קערין דעם צארין און דעם פאר דארבער . גאט העלף דער קיניג זאל אונז
ענטפערין אין דעם טאג וואס מיר רופין אים אן :

ראה זעה און לוג וויא מיין גיליבטער פריינד ליגט צוא בעט זיינע גלידער זיינען פאר
שלאפט און זיינען בארעקט מיט ציטערנעס דאס פייער ברענט אין זיינע ביינער
זיינע קראפטין זיינען פאר שלאפט און זיינע גידאנקען זיינען פאר לארין . זיינע אויגן

זיינען

בוער בעצמותיו . והתשו כחותיו ואבדו עשתנותיו . עששה מכעס עינו נפשו ובטנו . ונפשו נבהלה מאד בינונו . כל משכבו נהפך בחליו . רואה הבית והעליה כאחד והתחתונים למעלה נדמו לו . נלכד במצודה רעה . כבן אדם אין לו תשועה . מכתו אנושה וחילו כחושה . שוכב כחבל בלב ימים . ונרדו נתן ריחו על הרי בשמים . לא מתהנא ליה מיכלא ומשתא מפחדא ועוצבא דלבא . כל היום דוה . לא יהגה בגרונו . נלקה בגופו ובממונו . ידיו רב לו ולא ימיש . הר גבוה נדמה לו כאלו אין בו ממש . מונח רביעי מהפך . כאלו שליתו על פניו נהפך : מרתית ידיה כאלו מנחא אזרנקא או בחבל המצרי . ודומה בפיו למר המתוק נכאת ולוט בטנים ושקדים וצרי . יגע באנחתו ומנוחה לא מצא . אש קדחה באפו ונפשו קצה . כסליו מלאו נקלה ואין מותם בבשרו . בחשבו בטל סבויו ואבד סברו . ולבו מלא נבלים והרהורים . על כי אין חבוש

---

זיינען טונקיל געווארין און זיין לייב איז וויער דער שראקין און זיין טרויערקייט · נאר זיין גיקלעגער איז ווארין פאר קערט אין זיין קראנקייט · ער זעהט דאס הויז מיט דעם בודים וויא איינס אים דאכט זיך אז דיא אונטערשטע שטייען אויבין · ער איז בצוואונגען אין איין בייזין נעץ · גלייך וויא איינער וואס קען ניט גיהאלפין ווערין · זיין שלאק איז שטארק און זיין קראפט איז פאר מאגערט · ער ליגט וויא איין רודער אין מיטין ים · ער האט ניט קיין גרוך פון דיא בעסטע גיווירץ · ער האט ניט קיין הנאה פון עסין און טרינקען פון וועגין אנגשט און טרויערקייט פון דעם הארץ · ער ליגט אנאנציג טאג אין וויא טאג · ער קען ניט ריידין מיט זיין קול ער איז גישלאגן מיט זיין לייב און זיין געלט ער האט גינוג שלעק און זיא טוען זיך פון אים ניט אפ דער העכסטער בארג דאכט זיך אים וויא ער איז גאר ניט קיין בארג · ער ליגט אין יסורים און ווייטאג און קערט זיך אלע מאל אום פון איין זייט צו דער אנדערער גלייך וויא זיין היטיל וואס ער איז דרינען גיבארין גיווארין איז ווידער גיקערט אויף זיין פנים זיינע הענט ציטערין גלייך וויא זיי וואלטין גילעגין אויף איין עמיר וואס ער איז אין ברונען אדער אויף איין שטריק · און דיא בעסטע זיסע בשמים דאכט אים אין זיין מויל אז זיא זיינען ביטער ער איז מיד אין זיינע זיפצין און קען קיין רוא ניט קריגין · דאס פייער ברענט אין זיינע נאז לעבער און זיין לעבין איז אים פאר מיאוסה זיינע גידאנקען זיינען פול מיט שוואכקייט און עס איז ניט פאר האנדין קיין גאנצקייט אין זיין לייב ווייל ער טראכט אז זיין האפנונג איז

# מתיר עצמו מבית האסורים :

אונ דער נאך לאזט מען אויס ואמרתי וכו׳ :

חזען איינער אויף זיין גרויס ארימקייט וויל קלאגין זאל ער זאגין פריער שלום לך אבי מורי · ביז אמרתי · דער נאך זאל ער דאס זאגין :

כי אני הגבר ראה עני · בשבט עברתו התש כחי ואני · בצאתי לבשת ולכלמה . מבלי כסות ושלמה . ואין בידי לפורטה . אפילו שוה פרוטה · ביתי ערום מכל וארור מכל . ואני בהסתר פנים ובוהיה לאכול · פקודתי יקח אחר · כל הנעשה דמים באחר · את הזוזים בהם ואסתרא בלגינא קיש קריא · והנושה בא לקחת ודמי עלי כארבא אריא · ובביתי אין לחם ואין שמלה · ומשא כבד יכביד עלי ושהנא יותר מפום גמלא . מכף רגל ועד ראש אין בי מתום . וכל מלבושי בטלאי על גבי טלאי פתות אותה פתים · ואני עני ואביון דל רש והלך · שיף נפיק כאלו על גחוני אלך · מענה ומכה אלהים בדקדוקי עניות . ורץ לכאן ולכאן ובא חדר בחדר להחבא מפני בני אדם המביאים עלי את הרשתות · צאתי ובואי על כתף בעלטה · שבתי וקומי בתחתיות דיוטא · והנה ידעתי גם ידעתי כי לטובתי · נשברה רגל פרתי · כי אין כל אדם זוכה לשתי שלחנות · והאלהים עשה שייראו מלפניו את הטוב ואת ראויות המנות · על כן מתחיל

---

שוין פאר לארין אונ זיין הארץ איז פול מיט וואונדערליכע גידאנקען · ווייל איין גיפאנגינער קען זיך זעלבסט ניט העלפין אין די גיפיינקענעס :

כי אני הגבר דען איך בין דער מענטש וואס זעהט פאר זיך זיין פיין · מיט דיא רוט פון זיין גרים צארין האט ער שלאף גימאכט מיין קראפט אונ מיין כח מיין ארויס גיין איז צוא שאנד אונ צוא שפעט אן איין קלייד אונ איין דעק · אונ האב ניט קיין פרוטה צו פאר זעקסלין · מיין הויז איז נאקיט אונ בלויז פון אלימען . אונ איז פאר פלוכט פון אלעם אונ גאט האט זיין פנים פון מיר פאר בארגין אונ בין בארויבט פון אליכען · מיין גוטס אין געלט אונ אלץ וואס איז הערט געלט האט אנאנדערער צוא גינומען · אונ דער בעל חוב קומט נעמען זיין חוב אין לויערט אויף מיר וויא איין לייב · אונ איך האב ניט אין מיין הויז קיין ברויט אונ קיין קלייד · אונ האב אויף מיר שווערע משא מער איידער איך קען טראגין · פון דיא העגט פון די פיס ביז דעם קאפ איז אין מיר ניט גאנץ · אונ אלע מיינע קליידער זיינען מיט איין לאטע אויף דער אנדערער אונ צוא ריסין אויף שטיקער · אונ איך בין ארום · אונ נויט באדערפיג אונ עלינט . איך גייא אזו איין גיבוינין גליך וויא איך גייא אויף מיין בויך · איך בין גיפיינט אונ גישלאגין פון גאט מיט אלע שווערע ארומקייט אונ איך לויף הין אונ אהער אונ קום אין דיא הינטערשטע קאמערין כדי צוא בהאלטין זיך

פאר

בגנות ומסים בשבח . וכל מה דעביד רחמנא לטב עביד ועלינו לשבח . כי תחתונים למעלה ירומם ויהדר . כפרי עץ הדר . ועץ החיים . אשר נטע אלהים חיים . אך אין אני כמתרעם וכועט ביסורים . רק אלו הן הלוקים ומונעים האורים . מלכת בדרכי יי הישרים . ומעבירין את האדם על דעתו לבלתי לכת בדרכים הנכבדים . וכך אני אומר . אל תתן לי ריש ועשר גמור הטריפני לחם חקי . ולא אתן לחטוא פי וחכי . כי רבו מאוד צרותי . והן מונעות אותי מלכת בדרכי אבותי :

דער נאך לאזט מען אויס ואמרתי וויא אויבין שטייט :

ט וואס מען זאל זאגין אויף זיין מוטערס קבר :

שלום לך אמי מורתי . אשר טפחת ורבית אותי מבטן מהריון ומלדה . ונצטערת עלי בלי שעור כפאה וכבכורים והראיון . ונטפלת בי כל ימיך . וכל מחסורי עליך ועל ידיך . ולמיתי לבי רבנן לאקרויי ולאתנויי הדרכתני . וליראת שמים הבאתני . ועתה אשר הלכת בדרך . לא נשאר לי כמוך פדגוג רחמן . אשר בכל עת לטובתי היה מזומן : ועתה כאשר צר

---

פאר דיא מענטשין וואס ברייגען אויף מיר דיא נעצין איך מוז ארויס און אריין גיין אין דער פינסטער מיינע זאכין צוא טראגין אויף דעם אקסיל מיין ויצין און מיין אויף שטיין איז אין די נידעריגסטע פלאץ · און נון איך וויים וואול אז אלע מיינע שאדינס זיינען צוא גוטין · דען נים איטליכער מענטש איז זוכה צוא האבין ביידע וועלטין · און גאט טוט עס מען זאל פארבטין זיך פאר אים און האלט דאס גוטס אויף דער לעצט · דרום לאזט ער דעם מענטשין צום ערשטין איבל גיין און צום לעצטין זאל אים וואול גיין · און אלץ וואס גאט טוט איז צו גוטין און מיר דארפין אים דער פאר צוא לויבין · דען דיא וואס זיינען אין דער דאזיגער וועלט אונטין די וועלין אויבין דער הייבט און בשיינט ווערין מיט דיא פרוכט פון דעם שיינעם בוים און מיט דעם בוים וואס ווערט גירופין עץ החיים וואס דער לעבדיגער גאט האט זייא גיפלאנצט נאר איך בין נים אזו וויא איינער וואס איז מתרעם און פאר שעמט דיא יסורים · נייערט דיא מענטשין וואס ווערין גישלאגין מיט יסורים ווערין זייא דורך דעם פאר מיטין פון צוא גיין אין דיא רעכט פארטיגע וועגין פון גאט · און ברייגען דעם מענטשין דאס ער מוז טאן קעגין זיין שכל דאס ער זאל נים גיין אין דיא גיעהרטע וועגין · און אזו טוא איך זאגין גיב מיר נים צוא פיל ארומקייט און רייכקייט · שפייז מיך מיין גיזעצט ברוים · און זאל נים געבין מיין מויל און מיין גומען אנטקעגין דיר צוא זינדיגין · דען מיינע צרות זיינען זייער פיל · און זייא פאר מיידין מיך פון צוא גיין אין דיא וועגין פון מיינע עלטערין :

שלום פריד צוא דיר מיין מוטער מיין הערינטע · וואס דוא האסט מיך דער צויגין און דער

לי בראותי ארחי ורבעי ושבילי. וזה חלקי מכל עמלי. לא נתכנו עלילות מעגלי. אמרתי לנפשי אל תדמי לאבד היגיעה שיגעה בי אמי. והלכתי שדה בוכים ולבית מרזח סרוחים. עד שבאתי אל בית אמי ולחדר הורתי. רבתי ושרתי. והנה היא לוטה בשמלה. ורוחה היא העולה למעלה. ואמרתי שלום לך ושלום למנוחתך. ולרוחך ולנפשך ולנשמתך. מנשים באהל תבורך ותמיד יאמר עליך קומי אורי כי בא אורך. וכבוד יי עליך יזרח. כאיתן האזרח. ולא תצטערי לעולם בצרת בניך בקבר מחמת שום צער וחסרון שום דבר. ולי אני עבדך. יהמו נא עלי רחמיך. להתפלל בעדי אל יי. ישמע קול תחנוני: באמרי אנא נורא קדוש תרבה מחילתך. פשעי סלוח תגלגל מדותיך. ויהיני מיומים ברחמיו: עושה שלום

---

תאקסין. דוא האסט מיך גיטראגין אין בויך און האסט מיך גיוואוגען. און האסט אויף מיר גיהאט פיל צער אן איין מאס. און אלע דיינע לעב טאג האסטו מיט מיר פיל מיא גיהאט. און אלץ וואס מיר איז אפ גיגאנגען איז גיוועזן אויף דיר און דורך דיינע הענט האב איך עס גינומען. און צוא גיין אין חדר אריין צוא לערנען האסטו מיך גימאכט טרעטין און צוא נאמס פארכט האסטו מיך גיטאן ברייננען. און איצונד אז דוא ביסט גיגאנגען אין דעם וועג פון דיא גאנצע וועלט. איז מיר ניט גיבליבין אזו אין דר פרמינגער דער ציהער אזו וויא דוא ביסט גיוועזן דאס אלע צייט ביסטו גיוועזן אן גיברייט צוא מיין טובה. און איצונד אז עס איז מיר איינג אז איך זעה מיין וועג און שטעג. און דאס איז מיין טייל פון אלע מיינע מידיקייט. עס זיינען ניט אן גיברייט דיא ווערק פון מיינע שטעגין. האב איך גיזאגט צוא זיך אליין דוא זאלסט ניט טראכטין צוא פאר לירין דאס מידיקייט וואס מיין מוטער האט זיך איבער מיר גימיט. און בין גיגאנגען אויף דעם פעלד וואס מען וויינט. און צוא דעם טרויער הויז ביז איך בין גיקומען צוא דעם הויז פון מיין מוטער און צוא דעם קאמער פון מיין טרויער. זיא איז מיין הארינטע און מיין מיינשטרין און נון זיא איז איין גיוויקילט אין איין קלייד און איר נשמה גייט ארויף אלע מאל. און איך טוא זאגין פריד צוא דיר פריד צו דיין רואונג. און צוא דיין נפש רוח און נשמה. זיא זאל גיבענטשט ווערין מיט דער ברכה וואס זיינען גיבענטשט גיווארין דיזע מוטערש וואס האבין גיוואונט אין גיצעלטין דאס זיינען די אמהות שרה רבקה רחל לאה. און אלע צייט זאל צוא דיר גיזאגט ווערין שטייא אויף און לייכט. דען דיין ליכט איז גיקומען און דער כבוד פון גאט זאל אויף דיר שיינען גלייך וויא בייא אברהם אבינו און זאלסט קיין מאל

זיס

במרומיו . ויספיק לי משמיו . בר ולחם ומזון ברחמיו .
ואל דמעתי אל יחרש . בקראי מן המצר כעני ורש .
יחנני ויאמר פדעהו מרדת שחת . ולא יחסר לחמו ולא
ימות לשחת . ויזכני לראות בנים ובני בנים בתורה
ובמצות עוסקים . ביראת יי כל היום ולא יהיו פוסקים .
ויהיו בעלי מצות ושם טוב וצדיקים ומכל עון ואשמה
מנקים . ובטוב יבלו ימיהם . ועל ברכי יולדו שלשים
ורבעים . ובכל הארץ יצא קום וטבעם . ואתה תחזה
מכל העם . יוצאי חלצי אנשי חיל יראי אלהים . זוכים
למעלות גבוה מעל גבוהים ונשמתך תשכון בצל עצי
עדן אצל ישרות . עם האמהות הקדושות והטהורות .
ותזכי לעמוד לתחיה . עם שאר נשים שאננות וחסידים
וחסידות בני עליה . ותעמוד לגורלך לקץ הימין . כן
יאמר האל יי אמן :

---

ניט האבין קיין צער אין קבר פון דעם צער פון דיינע קינדער נייל עס גייט זייא עפעס ניט וואול און צוא מיר דיין קנעכט זאל זיך דער היצין דיין רחמנות דוא זאלסט פאר מיר מתפלל זיין צו גאט . ער זאל הערין דאס קול פון מיין גיבעט . אז איך טוא זאגין איך בעט דיך פארכטיגער און היילינער גאט דו זאלסט טערין צוא פאר געבין מיינע זינד . און זאלסט דיינע גוטע מדות קיקלען און זאלסט מיך לאזין לעבין מיט דיין דער בארימקייט דער וואס מאכט שלום אין זיינע הימלען . און מיר גינוגין געבין פון זיינע הימיל קארין און ברויט און שפייז מיט זיין דער בארימקייט . און צוא מיינע טרערין זאלסטו ניט שווייגין אז איך טוא רופין צוא גאט פון איינגשאפט גלייך וויא איין ארומער און איין עלינדיגער . זאל ער מיך לייט זעליגין און זאל זאגין איך האב אים אוים גילייזט פון צוא נידערין אין גרוב . און זיין ברויט זאל ניט ווערין גימינערט אין זאל ניט שטארבין צוא דער גרוב . און ער זאל מיך מזכה זיין צוא זעהען קינדער און קינדס קינדער וואס זאלין לערנען דיא תורה און טאן מצות . אגאנצין טאג זאלין זייא ניט אויף הערין פון גאטס פארכט . און זייא זאלין טאן מצות און זאלין האבין אגוטין שם און זאלין זיין צדיקים . און זאלין זיין ריין פון אלערלייא זינד און שולד . און מיט גוטס זאלין זייא אוים לעבין זייערע טעג . און דאס דריטע און דאס פערטע גיבירד זאלין דורך מיר אויף גיצויגין ווערין . און זייער שם זאל גיין אויף דער גאנצער וועלט . און פון דעם גאנצין פאלק וואס פון מיר קומען ארוים זאלסטו זעהען פיינע בריות און גאטס פארכטיגע . זיי זאלין זוכה זיין צוא די העכסטע מעלות . און דיין נשמה זאל רוען אין דעם שאטין פון דעם בוים אין גן עדן בייא די רעכטע פארטיגע מיט דיא היילינע און די ריינע מוטערס . און זאלסט זוכה

אין

י וואס מען זאל זאגין אויף דעם קבר פון זיין מוטער · ווען אים גייט זייער און ביטער

שלום לך אמי חדר הורתי . הנאמנת בבריתי . שלום לך ושלום לנשמתך . והיתה שלמה מנוחתך : הנה לשלום מר לי מר . כי יי ענה בי ושדי המר לי . אוי לי אמי כי ילדתני . כי יצאה בי יד יי בעוני : מה אמר ומה אדבר והנה סערת חמה עלי יצאה ופגע הזמן עלי גבר . צרות תכופות וצרורות וצרות כזבורא ועקרבא . כשוט לשון לא אוכל להחבא . אלהים מצא את עון עבדו לסבב עליו טלטול צער ונודו . אשר טפחת ורבית . ועל זרועך גדלת ורוממת . נהפך עליו למשחית הודו . וכאלו נשפך לארץ כבדו . ונפשי מרה . מרוב הצרה . פני ירוקין . כאלו אחזוני הדרוקין . ונפשי מאד נבהלה . ומעי מעי אוחילה . מרתת ידי כאלו מנהא אזרנוקי . לית אנא יכיל למתני אנקי :

זיין אויף שטיין צוא תחיית המתים מיט דיא איבעריגע שטילע און פרומע מאנען און ווייבער · און זאלסט אויף שטיין צו דיין גורל צום רעכטין ענדע · אזו זאל גאט זאגין אמן: שלום פריד צוא דיר מיין מוטער וואס האסט מיך גיטראגין · און זיא איז מיר זייער גיטרייא גיוועזן · פריד צוא דיר און פריד צוא דיין נשמה · און דיין רואונג זאל זיין גאנץ נון איך האב גימיינט מיר וועט זיין פריד אבער עס איז מיר זייער ביטער · דען גאט האט איבער מיר גיצייגט און דער אלמאכטיגער גאט האט מיך ביטערליך גישטראפט ווייא צוא מיר מיין מוטער וואס דוא האסט מיך גיוואונען · דען עס איז איבער מיר אויס גיגאנגען דער שראק פון גאט איבער מיינע זינד וואס זאל איך זאגין און וואס זאל איך ריידין וויא אגרויסער שטורעם און גרים צארין · און דיא שלעכטע בגעגינעס פון דער צייט האט זיך גישטארקט אויף מיר שטארקע צרות און איין צרה איבער דר אנדערע וואס איין צרה איז דער ווידער די אנדערע פאר דיא רוט פון דיא בייזע צונג פון דעם שטן קען איך מיך ניט בהאלטין · גאט האט גיפונען דיא זינד פון זיין קנעכט אויף אים צוא רינגלען צער און וואגלונג דעם וואס דוא האסט גיכאסטין און אויף גיצויגין און אויף דיינע ארום האסטו אים גרויס גימאכט און דער הויבין · דעם איז זיין שיינקייט פאר קערט גיווארין אויף אים צוא פאר דארבונג · און גלייך וויא זיין קעבער איז ווארין פאר גאסין אויף דער ערד · און מיין לייב איז ביטער פון וועגין די פיל צרות איז מיין פנים גרין גלייך וויא איך וואלט גיהאט אין זיך דיא שווערע קראנקהייט וואס ווערט גירופין הדרוקן · און מיין לייב איז זייער דר שראקין · און מיינע גידערים זיינען שוואך · מיין האנט ציטערט גלייך וויא איך וואלט ליגין אויף איין עמיר וואס ער איז אין ברינען איך קען מיינע רייד ניט גינוג דער צייליו :

ואנבי

אויף דעם ארט קאן מען זאגין ווען ער האט וואס צוא קלאגין איינם פון די ביידע זאכין דאס זיך אן אים העטין טאן מערין וויא זייא בייא דעם פאטער זיינען פאר מעלט דיא גישיכטעניס דער וועלט דער נאך זאגט ער פון באנען און ווייטער אוים :

ואנכי סבותי בכל נפש בית אבי . להודיע צערי ומכאובי . ועתה כאשר צר לי על רוע מזלי והרזת גלגלי . ומכיר לי לא ראיתי במעגלי . כתותי את רגלי . לכת הנה אל קברך . לבקש ממך שתתפלל בעדי את פני צורך . כי הנשים הן רכי הלב ורחמניות . כמו שידענו מרחל אמנו וחלדה הנביאה ושאר נשים צדקניות . שמהרו בתפלה ונתקבלו . לנחם ישראל וליאשיהו מלך יהודה מאבלו . אולי יחוס אולי ירחם . המפליא לעשות לחנן ולרחם . ויבטל מעלי גזר דיני וגזרה הקשה . ומפלט לי ימהר יחישה . כי על משכבי בלילות . מגודל אנחות ויללות . ותמיד משכבי עד קומי . לא אתנה דמי . אשחה בכל לילה מטתי בדמעתי . עששה מכעס עיני בכל צרותי . אך זאת אשיב אל לבי . דברי סבי . שאמר לית אנא מוביד סברי מן בריי . ומעם יי אבקש עזרי . וגם אנכי אחישה מפלט לי מרוח סועה וסער . ואודיע לאמי הצער . אולי יחנני יי בזכותה . וישמע את תפלתה . ויצילני מזאת הצרה . ויוציאני מאפלה לאורה : לכן

---

ואנכי און איך צוא אלע לייבער פון מיין פאטערס הויז גזינד האב עס מיר אליין ארום גירינגילט און גורם גיוועזן דאס איך מוז מיין צער און וויא טאג מאכין וויסין . און איצונד אז עס איז מיר אייננ איבער מיין שלעכט מזל און מיין גלגל האט זיך נידרייט . און אויף מיינע שטעגין האב איך ניט גיזעהען קיינער זאל מיך וועלין דר קענן . דרום האב איך מיינע פיס צו שטוסין אהער צו גיין צוא דיין קבר . פון דיר צו בעטין דו זאלסט פאר מיר מתפלל זיין פאר דיין בשעפער . ווייל די ווייבער האבין ווייכע הערצער און זיינען דער בארימיגע . אזו וויא מיר ווייסין פון אונזער מוטער רחל און דיא נביאה חלדה . און דיא איבעריגע פרומע ווייבער וואס זייא האבין גישווינד תפלה גיטאן און זייער תפלה איז אן גינומען גיווארין צו טרייסטין דיא ישראל און צוא יאשיהו דר מלך פון יהודה פון זיין טרויערקייט . טאמער וועט ער חס האבין און טאמער וועט ער זיך דער בארימען דער גאט וואס טוט וואונדער צוא לייט זעליגין און צו דער בארימען . און וועט פון מיר מבטל זיין מיין דין און די שווערע גזירה . און וועט זיך איילין מיך צו אנטרינן . דען ביי נאכט אויף מיין גילעגיר פון וועגין גרויסע זיפצין און קלאג . אין אלע צייט פון מיין ליגין ביז מיין אויף שטיין . טוא איך ניט געבין קיין אויף הערונג און טוא איין ריכטין אלע נאכט מיין בעט מיט מיינע טרערין . מיינע אויגין זיינען נווארין טונקיל פון וועגין מיינע לייד . נייערט דאס דאזיגע טוא איך ווידער קערין צוא מיין הארץ דיא רייד וואס מיין אלטער פאטער יעקב האט גיזאגט איך ווער ניט פאר לירין מיין האפונג פון

מיין

נא אמי מורתי ראה תראה בעניי ואנחתי . מהרי נא נוכח יי
דרכך . עבור צאצאיך אשר גדלת על ברכך . חלי נא פני אל
ויחנני . מגודל צערי ויגוני . ויצילני ויסיעני אלהי עושי וקוני .
ויהיה למגן בעדי . גואלי ופודי . ואם אינו עושה בגיני . להסיר
חרון אפו ממני . יעשה בגין הקדושים אשר בארץ המה .
ויסיר מעלי החמה . והרבה להשיב אפו . ואל ידינני בקצפו .
ויושיעני מצרותי . וימלא במדה טובה ישועה ורחמים משאלותי .
וימשוך עלי חוט של חסד ורחמים . להאריך ימים ושנים בנעימים .
בלי שום מחסור . ואויבי יהיו הלוך וחסור . ואל אראה ברעה .
ולא בשום קלקול חבור הבריאה . וזכותך וזכות כל צדיקי וחסידי
עולם . יליצו בעדי כלם . ואת אמי מורתי מבשרך אל תתעלמי
הרבי והפצירי בתפלה את פני יי אל עולם . להסיר ממני יגון
ואנחה . ויוציאני מאפלה לאורה ומיגון לשמחה . והוא רחום
יכפר עון ולא ישחית והרבה להשיב אף וקצף ומשחית . יי
הושיעה המלך יעננו ביום קראנו :

---

מיין בשעפר און פון גאט זוך איך מיין היל"ף . און איך וועל מיך אויך איילן מיך צוא
אנטרינען פון דעם גרויסן שטורעם ווינט . און וועל מאכן וויסן דעם צער צו מיין מוטער
טאטער וועט גאט מיך לייט זעליגן אין איר זכות . און וועט הערן איר תפלה . און וועט
מיך בשירמען פון דר דאזיגער צרה . און זאל מיך אויס ציהען פון דער פינסטערקייט צוא
ליכט . דרום בעט איך דיך מיין ליבע מוטער דוא זאלסט זעהען אין מיין פיין און מיין
זיפצין . איל דיך צוא גיין אין דיין וועג קעגין גאט פון וועגין דיין קינד וואס דוא האסט דער
צויגין אויף דיין שויס . בעט פאר גאט דאס ער זאל מיך לייט זעליגן פון מיין גרויס
צער און מיין טרויערקייט . און זאל מיך בשירמען און ער זאל מיר העלפין מיין גאט
וואס האט מיך בשאפין . און זאל זיין צו איין בשיצער פאר מיר מיין אויס לייזער .
און אויב ער וויל עס ניט טאן פון מיינט וועגין אפ צוא טאן פון מיר זיין גרים צארין .
זאל ער עס טאן פון וועגין דיא הייליגע וואס זיינען באגראבין אין דער ערד . און זאל אפ
טאן פון מיר דעם גרים צארין . און זאל מערין ווידער צוא קערין זיין צארין און זאל מיך
ניט דן זיין מיט זיין צארין און זאל מיר העלפין פון מיינע צרות . און זאל דר פילין מיין
גיבעט מיט אגוטע מדה פון היל"ף און דער בארימקייט . און זאל איבער מיר ציהען איין
שנור פון גינאד און דער בארימקייט צוא דער לייגגערין מיינע יארין און טעג מיט זיסקייט
אן איין שום מינערונג און איך זאל ניט זעהען אין קיין בייז . און ניט אין קיין שום פאר
דארבונג אין דעם באהעפטונג וויא איך בין בשאפין גיווארין און דיין זכות און דער זכות
פון אלע צדיקים און חסידים פון דר וועלט . דאס אלץ זאל פאר מיר פיר שפרעכין .
און דוא מיין גיטרייע מוטער פאר הויל דיך ניט פון דיין בלוט און פלייש . און טוא פיל און
שטארק בעטין פאר דעם איבינגין גאט ער זאל פון מיר אפ טאן טרויערקייט און זיפצין .

יב וָואס מֶען זָאל זָאגִין וָוען מֶען הָאט פָאטֶערְס אָדֶער מוּטֶערְס יָארְצַייט :

שָׁלוֹם עָלַיִךְ נְשָׁמָה הַטְּהוֹרָה . כַּנֵר מֵאֲבוּקָה הֻדְלְקָה לְהָאִירָה . אֵינָהּ מִן הַיְסוֹדוֹת וְלֹא בְהִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַשִּׂכְלִים הַנִּפְרָדִים . רַק בְּרִיָּה בִּפְנֵי עַצְמָהּ . בְּרוּחָנִיּוּת אֵבָרִים וְגִידִים שס״ה ורמ״ח וְעֶצֶם נִבְדָּל טָהוֹר וְקָדוֹשׁ מִקַּדְמֵי אֶרֶץ לֵאלֹהִים מְשַׁבַּחַת וְסוֹגֶדֶת עוֹמֶדֶת קוֹדֶם הֲוָיַת הָאָדָם כְּאֶחָד מִצְּבָא מָרוֹם וּמֵהֶם נִכְבֶּדֶת כִּי הִיא נִיצוֹץ מִשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁל אַרְבַּע וְגָדוֹל אוֹרָהּ מֵאוֹר הַכִּסֵּא הַרְבֵּה . רֶמֶז לְדָבָר נְשָׁמָה בְּמִסְפַּר קָטָן כְּשֵׁם שֶׁל הֲוָיָה . חוּשְׁבְּנָא דְדֵין כְּחוּשְׁבְּנָא דְדֵין יְהִיֶה וְשָׂם אוֹתָהּ הַבּוֹרֵא בְּגוּף וְחוֹמֶר מִתְנַהֵג עַל פִּי הַטֶּבַע . כַּאֲשֶׁר כָּל מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית הַנִּבְרָאִים בְּשֵׁם אֱלֹהִים בְּיָמִים שֶׁבַע . זֵכֶר לְדָבָר שֶׁכֵּן הַטֶּבַע בְּשֵׁם אֱלֹהִים עוֹלֶה בְּמִסְפָּרוֹ . לְהוֹרוֹת שֶׁבּוֹ בְּרָאוֹ וִיצָרוֹ . וְנִבְרֵאת הַנְּשָׁמָה מֵעוֹלָם הָאֲצִלוּת בְּרִיאָה דַקָּה . וְהָרוּחַ מֵעוֹלָם הַבְּרִיאָה . וְהַנֶּפֶשׁ מֵעוֹלָם הַיְצִירָה יְשָׁרָה וְזַכָּה . וְגוּפוֹ מֵעוֹלָם הָעֲשִׂיָה .

---

אוּן זָאל מִיךְ אוּיס צִיהֶען פוּן פִינְסְטֶערְקַייט צוּ לִיכְט אוּן פוּן טְרוּיעֶרְקַייט צוּ פְרֵייד אוּן דֶער בַּארִימְהֶערְצִיגֶער גָאט זָאל פַאר גֶעבִּין דִיא זִינְד אוּן זָאל נִיט פַאר דַארְבִּין אוּן זָאל מֶערִין וִוידֶער צוּא קֶערִין דֶעם צָארִין אוּן דֶעם פַאר דַארְבֶּער . גָאט הֶעלְף דֶער קִינִיג זָאל אוּנְז עֶנְטְפֶערִין אִין דֶעם טָאג וָואס מִיר רוּפִין אִים :

שָׁלוֹם פְרֵיד אוּיף דִיר דוּ רֵיינֶע נְשָׁמָה וָואס זִיא אִיז וָוארִין אָן גִיצוּנְדִין וִויא אַלִיכְט פוּן אַיין פְלַאקֶער צוּא לֵייכְטִין . זִיא אִיז נִיט פוּן דִיא אוּנְטֶערְשְׁטֶע בַּאשֶׁעפֶענִשׁ דִיא אִין פִיר יְסוֹדוֹת בַּשְׁטֵיין . אוּן אוּיךְ נִיט אַרָאפּ גִיקוּמֶען פוּן דִיא מַלְאָכִים וָואס זֵיינֶען אַייטִיל פַאר שְׁטַאנְד אָן אַיין שׁוּם גוּף . נֵייעֶרְט זִיא אִיז אַבַּאזוּנְדֶער בַּשֶׁעפִינִס זִיא אִיז אַיין רוּחָנִי אוּן אִיז צוּא אַנַאנְד גִיקְנִיפְּט גִיוֶועֶן מִיט דְרַייא הוּנְדֶערְט מִיט פִינְף אוּן זֶעכְצִיג אָדֶערִין . אוּן צְוַוייא הוּנְדֶערְט מִיט אַכְט אוּן פֶערְצִיג גְלִידֶער . אוּן אִיז אַבַּזוּנְדֶערֶע זַאךְ אָפּ גִישַׁייד אוּן אִיז כ׳ין אוּן הֵיילִיג . אוּן אִיז נָאךְ גִיוֶועזִין פַאר דִיא וֶועלְט אוּן לוֹיבְּט אוּן בּוּקְט זִיךְ פַאר גָאט . אַיידֶער דִיא זֵיינֶען בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין אִיז זִיא גִיוֶועֶן אַזוֹ וִויא אַיינֶער פוּן דִי מַלְאָכִים פוּן דֶעם הִימִיל אוּן נָאךְ מֶער גִיעֶרְט אַז זַייא . דֶען זִיא אִיז אַיין שֵׁיין פוּן דֶעם גְרוֹיסִין שֵׁם פוּן פִיר אוֹתִיּוֹת . אוּן אִיר לִיכְט אִיז פִיל גְרֶעסֶער פוּן דֶעם לִיכְט פוּן דֶער שְׁטוּל . אוּן דֶער סִימָן אִיז דָאס וָוארְט נְשָׁמָה בַּטְרֶעפְט אוּיף קְלֵיינֶעם מִסְפָּר . דָאס מֶען רֶעכִינְט דִי (נ) פַאר פִינְף . דִיא (ש) פַאר דְרַייא . (מ) פַר פִיר . דִי (ה) פַאר פִינְף טְרֶעפְט אָן זִיבְּעצִין . אוּן דֶער שֵׁם הוי״ה אוּיף קְלֵיינֶעם מִסְפָּר טְרֶעפְט אָן זִיבְּעצִין וָוארוּם דִיא (י) וֶוערְט גִירֶעכִינְט פַאר אַיינְס

לָכֵן נִקְרָא הָאָדָם עוֹלָם קָטָן בְּנָצְרוֹ תוּשִׁיָּה. וְנִקְרֵאת נְשָׁמָה לְשׁוֹן נְקֵבָה כִּי מִשְׁתַּלְשְׁלִין מִמֶּנָּה נְשָׁמוֹת הַרְבֵּה. וּכְמוֹ שֶׁהַנֵּר שֶׁזּוֹר מֵהַרְבֵּה חוּטִין כֵּן הָיוּ בְּנִשְׁמַת אָדָם הָרִאשׁוֹן נִיצוֹצוֹת נְשָׁמוֹת חֲרוּטִין. כְּמוֹ הַצִּינוֹרוֹת שֶׁל הַסְּפִירוֹת. וְכֵן הַדֵּעוֹת וְהַפַּרְצוּפִים כַּכּוֹכָבִים מְאִירוֹת. וּבְחֵטְא אָדָם נִמְנַע מֵרְשָׁעִים אוֹרָה. וְלֹא נִתְּנָה נְשָׁמָה כְּזוֹ הַקְּדוֹשָׁה כִּי אִם לְהַשְּׂרִידִים אֲשֶׁר יְיָ קוֹרֵא. כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב נוֹתֵן נְשָׁמָה לָעָם עָלֶיהָ. הֵם הַצַּדִּיקִים הַמּוֹשְׁלִים עַל הָאָרֶץ וְכֹחוֹתֶיהָ. וְלַהוֹלְכִים בָּהּ נוֹתֵן רוּחַ בְּהֵמוֹת. וְלָכֵן נִקְרָא הָאָדָם בִּשְׁלֹשָׁה שֵׁמוֹת. אֶחָד מִצְּעִירָתוֹ שֶׁקְּרָאוּ לוֹ אָבִיו וְאִמּוֹ. וְאֶחָד שֶׁמּוֹשֵׁךְ עָלָיו עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו מֵעַצְמוֹ. וְאֶחָד הוּא הַנִּכְתָּב בְּסֵפֶר הַתּוֹרָה. הִיא נִשְׁמַת רוּחַ חַיִּים הַנָּתוּן בְּאָדָם בִּתְחִלַּת הַיְצִירָה. וּבְרוֹב חַסְדֵי הָאֵל בְּרָאוּתָהּ נֶהֱנֵית מִזִּיו הַשְּׁכִינָה בְּמַתְּנַת חִנָּם. וְשָׂכָר אֵין לָהּ חֵלֶף

---

זיינם. און דער באשעפער האט זיא גיטאן אין גוף וואס ער איז גיווארין באשאפין אויס ערד און ליים דאס זיא זאל זיך פירין נאך דיא מענטשליכע נאטור. גלייך וויא אלע שעפינגעם וואס זיינען באשאפין אין ששת ימי בראשית מיט דעם שם אלהים. איין זיין דער צוא איז דען דאס ווארט הטבע באטרעפט אזו פיל וויא דער שם אלהים. זוא ווייזין אז מיט דעם שם האט גאט בשאפין דיא טבע. און די נשמה איז ווארין בשאפין פון דעם אויבערשטין און איידלין עולם וואס ער הייסט עולם האצילות. און דער רוח איז ווארין באשאפין פון דעם אנדערין עולם וואס הייסט עולם הבריאה. און דער נפש פון דעם דריטין עולם וואס הייסט עולם היצירה. און דער גוף איז באשאפין גיווארין פון דעם הינטערשטין עולם וואס הייסט עולם העשיה. דרום אז דער מענטש היט דיא תורה ווערט ער גירופין קליינע וועלט. און דרום ווערט דיא נשמה גירופין מיט איין לשון וויא מען רופט איין נקבה. ווייל פון איר זיינען נאך גיקומען פיל נשמות אזו וויא פון איין נקבה קומען ארוים דיא קינדער און אזו וויא איין ליכט איז גיצווינגן פון פיל פעדים אזו זיינען פיל נשמות באהעפט גיוועזן אין דער נשמה פון אדם הראשון. און אזו אויך דיא וויסין שאפטן און דיא גישטאלטין און דיא שטערין וואס לייכטין איז דאס אלץ גיוועזן אין דער נשמה פון אדם הראשון. אבער פון וועגין זיינע זינד איז פון די רשעים פאר מיטין גיווארין זייער ליכט. און אזו איין היילינגע נשמה ווערט נית גיגעבין נייערט צוא דיא פרומע לייט וואס זוען גאט אן רופין אזו וויא עס שטייט אין פסוק (נותן נשמה לעם עלית) ער גיט איין נשמה צו דעם פאלק אויף דער ערד מיינט דער פסוק דיא צדיקים וואס גיוועלטיגן איבער

עבודתה . אחרי שמוכרחת בפעלתה כשאר כל
ברואי מעלה . שבטבעם היא הפעולה . בלי רצון
ובחירה . מוזהרים שמירה . על כן נתנה לארץ בתוך
חומר הגוף העכור . לצרף דעת מלאך ומעשה בהמה
להיות בעל בחירה מאוס ברע ובטוב בחור . כדי
לזכותה יותר מן המלאכים להרים קרנה . כי כן נאה
לשלם העוסק באמונה . והגוף ונשמה ירויחו כלם .
וגם לא יוחסר בריאה ישרה כזו מן העולם אשר היא
עולה על כל ברואי מטה ומעלה . שהם פועלים
בטבעם ודרכם . והאדם הוא בעל בחירה בלי הכרח
בערכם . ומפני כבוד הבורא . מענה ומסגף עצמו
במורא . ובוחר בצער והפסד גופו . בזה נבר אפס
קצהו ולא סופו . גדלת האדון ורוממותו . וכבודו והדרו
ואדנותו . ולהורות זה שם מדור הנשמות שהם הפך
תנועת גופני הטבעי . ברקיע ערבות שהוא גלגל

---

דער ערד און אירע קראפטין אבער צוא די אנדערע וואס גייען ארום אין דער וועלט ניט
ער נאר איין רוח פון איין בהמה . און דרום ווערט דער מענטש גירופין מיט דריי נעמען .
איינער גיבין אים זיין פאטער און מוטער אז ער ווערט גיבארין . און איינעם קריגט ער
פון זיך זעלבסט דורך זיינע מעשים . ווען ער איז גוט הייסט ער צדיק . ווען ער איז
שלעכט הייסט ער רשע . און איין נאמען שטייט אין דער תורה דאס איז דיא נשמת רוח
חיים דאס מען האט גיגעבין אין אדם הראשון בשעת ער איז באשאפין גיווארין און דורך
דיא פיל גינאד פון גאט ווייל ער האט גיזעהען זיא האט הנאה פון דער לויטערקייט פון
דער שכינה אום זיסט דאס זיא האט קיין לוין ניט פאר איר דינסט ווייל זיא איז גיצוואונגען
גוטס צוא טאן גלייך וויא אלע אויבערשטע בשעפענס וואס זייער נאטור איז גוטס צוא
טאן און האבין ניט קיין אנדער ווילין און קיין אנדער אוים דער ווילונג ניט בייז צוא טאן
ווייל זייא האבין דאך ניט קיין יצר הרע . דריבער איז דיא נשמה גיגעבין גיווארין אויף
דער ערד אין איין גראבין און בטריבטין גוף . כדי אנאנד צוא קניפין דיא נשמה וואס
זיא איז פאר שטאנדיג וויא איין מלאך מיט דעם גוף וואס טוט ווערקין וויא א בהמה דאס
ער זאל זיך אליין אוים דער ווילין צוא פאר ביאוסין דאס בייז . און דאס גוטס זאל ער
יוא טאן פון וועגין צוא מאכין דיא נשמה לויטערער פון דיא מלאכים און איך הערשאפט צו
דער הייבין דען אזו איז רעכט צו בצאלין דעם וואס דינט גאט גיטרייא און דער גוף מיט
דער נשמה וועלין ביידע פאר גיווינען און אויך וועט אזו איין רעכט פארטיג בשעפענעס
ניט אפ גיין אויף דער וועלט . וואס דאס בשעפינעס גייט איבער אלע אונטערשטע און
איבערשטע

הַמַּקִּיף הֵפֶךְ כָּל מַה שֶּׁבָּרָקִיעַ הַשְּׁבִיעִי . וְשָׁם צַדִּיקִים
יוֹשְׁבִים וּבְרָאשָׁם עַטְרוֹתֵיהֶם . אֲשֶׁר נַעֲשׂוּ מִיגִיעַ כַּפָּם
וּפְרִי מַעֲשֵׂיהֶם . וּבַעֲוֹנוֹתֵינוּ שֶׁרַבּוּ יָצְאוּ מַה שֶּׁיָּצְאוּ
מִנִּשְׁמוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת . בְּהַרְהוּרֵי תְשׁוּבָה נִשְׁמָתוֹ וְרוּחוֹ
בְּתוֹכוֹ מְקַשְׁקְשׁוֹת . וְאִם תֵּצֵא רוּחוֹ וְלֹא תְהֵא מַזְהִירָתוֹ.
יִשָּׁאֵר גּוּפָנִי וְיָשׁוּב לְאַדְמָתוֹ . בַּיּוֹם הַהוּא אָבְדוּ
עֶשְׁתּוֹנוֹתָיו וְהַרְהוּרָיו . וַיַּעֲזוֹב יִרְאַת שַׁדַּי וְצוּרוֹ : וְאַחֲרֵי
אֲשֶׁר הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ יָדַע אֶת הָאָדָם וּמַכְאוֹבָיו . כִּי
דְּרָכָיו סוֹרְרִים לֵילֵךְ שׁוֹבָב . מֵהַשְׂאַת פֶּתֶן חֵרֵשׁ אֲשֶׁר
לֹא יִשְׁמַע לְקוֹל מְלַחֲשִׁים . אֲשֶׁר בִּידֵיהוֹ קַדְרָא רוֹתְחָא
בּוֹחֲשִׁים . לְצַנֵּן הָאֵשׁ הַמִּתְלַקַּחַת וְעָבִיד תּוֹךְ תּוֹךְ בְּתוֹךְ
הָאִלְפָּס שֶׁמַּעֲשֶׂיהָ רוֹחֲשִׁים . בְּחֵלֶק הַלֵּב הַיּוֹדֵעַ לְעַקֵּל
וּלְקַלְקֵל . עַל יְדֵי חֲמִיצַת שְׂאוֹר שֶׁבָּעִסָּה וּפִתּוּי
סַעֲדְתָּא דְלִבָּא בְּלַחְמוֹ לֶחֶם הַקְּלוֹקֵל . וְכָל יָמָיו בּוֹ
דָּמָיו . לַעֲסוֹק בְּמִלְחֲמוֹתָיו . וּלְצוֹדֵד נְפָשׁוֹת לַשַּׁחַת . וְנִגְעוֹ

---

אויבערשטע באשעפענעס . ווייל זיא אלע ווערקין זייער ווערק וויא זייער נאטור איז
בשאפין געווארין אבער דער מענטש איז ניט גיצוואונגען מיט זיין ווערק נייערט ער דער
ווילט זיך אליין אוים מיט זיין ווילין נאך צוא דינען און ער פייניגט און פלאגט זיך מיט
פארכט פון וועגין דעם כבוד פון דעם באשעפער און דער ווילט זיך אוים אין צער און
פייר דארבט זיין גוף פון גאטס וועגין . און דורך דעם ווערט דער קענט עפעס אטייל פון
דעם גרויסקייט און הויכקייט און כבוד און שיינקייט און הערשאפט פון דעם הער גאט .
און דאס צוא ווייזן האט ער גיטאן דעם וואונונג פון דיא נשמות וואס זיינען דער ווידער
פון דעם נאטירליכין גוף אין דעם הימיל וואס הייסט ערבות וואס ער איז איין גלגל
וואס ריינגילט ארום קעגין אלעם וואס אין דעם זיבעטין הימיל איז . און דארט זיצין דיא
צדיקים און אויף זייערע קעפ זיינען זייערע קרוינען וואס זיינען גיווארין גימאכט פון
זייער אייגענע מיא און זייערע ווערקין . דאס הייסט פון זייער תורה ומעשים טובים .
און דורך אונזערע פיל זינד זיינען שוין פיל פון די הייליגע נשמות אוועק גיגאנגען . דאס
זיין נשמה מיט זיין רוח טוען אין אים קלאפין און טוען אים דער מאנען תשובה צו טאן .
ווען אבער זיין נשמה גייט אוועק און דער מאנט אים ניט תשובה צוא טאן . אזו בלייבט
נאר דער גוף אליין איבער און קערט ווידער צוא זיין ערד . און דענמאלט ווערין פר לארין
זיינע גידאנקען . און דיא פארכט פון דעם אלמאכטיגין גאט זיין בשעפער טוט ער פאר
לאזין . און ווייל דער באשעפער גילויבט איז ער האט גיוואוסט דיא ווייטאג פון דעם
מענטשין אז זיינע וועגין זיינען אפ גיקערט צוא גיין אין ווילדקייט און אין שלעכטין וועג

פורחת . בקרחת ובגבחת . לכן המציא לו רפואה .
לשאוב מים בששון ממעיני הישועה . והיטיב להם
חטיבה לעסוק בדברי תורה ותשובה . מצות יי אלהיו
בעשותו . ולתשובה תפלה וצדקה תהא פרישתו .
ובתריתא עדיפא מקמיתא היטב . שאם האדם הניח
אחריו זרע אשר דרכו ייטיב או הניח אחריו דבר טוב
לעשותו . נחשב לו כאלו הוא עדין בחיים חיתו :
ויכול האדם לזכות למספר הדורות לפניו . כמו שהאב
זוכה לבניו . וזה וזה גורם מותר מעלה . להיות נביט
ועולה . ונודעה יד יי וכונתו בבריאת האדם . וצרתו
בצדו להבליג שוד על עז להוציא מעשה הדודים .
למען אשר פדויי יי אלו הנשמות . שהם במסגר בתוך
גוף אדמות . ישובון ובאו לציון שלמעלה ברנה .
לקבל שכר טוב בפלים ולהנות מזיו השכינה . ואת
נשמה הטהורה . כלבנת הספיר מאירה . בעדן גן

---

פון וועגין די אן רייצונג פון דעם יצר הרע וואס ער איז גינגליכין צו אביינע טויבע שלאנג
וואס ער הערט ניט דאס קול פון דיא פאר שפרעכירס אזו מאכט ער אים ער זאל ניט
צו הערין דיא שטראפערס וואס מיט זייערע הענט קענען זיי מישין אין דיא היישע טעפ ·
דאס הייסט זייא קענען קילין מיט זייער שטראפין דאס פייער וואס פראקערט און קאכט
און זיט גלייך וויא אין איין פאן · אזו ברענט דער יצר הרע אין מיטין אין זיין הארץ
ער זאל אים זיין הארץ פאר קריכען דורך דעם זויער טייג וואס איז אין דעם טייג און ניט
אים עסין דאס גרינגע ברויט דאס ער ווייזט אים אז עס וועט אים גאנץ גוט זיין און
אלע זיינע טעג איז זיין טראכטונג · מיט אים צוא שטרייטין · און צו חאפין דיא נשמות
אין ניהנם אריין · און זיין פלאג שפראצט ארויס פון הינטין און פארינט און אויף אלע
זייטין · דרום האט גאט אים גיפונען איין רפואה ער זאל שעפין מיט פרייד דאס וואסר
פון דער תורה וואס איז דער קוואל פון הילף · און האט זייא באגיטיגט מיט איין גוטע
זאך זייא זאלין לערנען תורה און תשובה צוא טאן דאס ער וועט שוין טאן דיא מצוה
פון גאט · און זאל זיך אפ שיידין צוא דיא דרייא זאכין תשובה תפלה און צדקה · און
דאס לעצטע איז נאך בעסער אז דאס ערשטע · דאס ווען איינער לאזט איבער איין
פרום קינד וואס ער באגיטיגט זיין וועג ווערט עס אים גירעכינט גלייך וויא ער לעבט
נאך · און אמענטש קען מזכה זיין די דורות וואס זיינען פאר אים גיוועזין גלייך וויא איין
פאטער קען זיין זון מזכה זיין און איינס מיט דעם אנדערין דאס מיינט כען אז ער לערינט
תורה און טוט תשובה תפלה וצדקה · און האט אנוט קינד אויך גילאזין קען אים ברייגן

אלהים היית וחיית ורבית. לישב במעלות קדושים וטהורים. צדיקים חסידים וישרים. צרורה תהיה בצרור החיים. את יי חי וקים. ומיום אשר מלאו ימיך. ושכבת עם אבותיך. לא נחתי ולא שלותי ולא שקטתי להתנחם על מותך. כי היית יכולה לזכני ומטובך להיטיבני ועלי היו כלנה נחשבים. כאלו שיפא דפלג גופי כואבים. כי אני ניצוץ מאורך. ובשר מבשרך. אך רצון האל הוא לקבל תנחומין שלא יאמרו הרב כמה קשה. ויכל ..ת אשר עשה. על כן חיב אדם להתנחם. ולומר מדת הדין היתה יד יי בכם ובאבותיכם. אמנם בהגיע תור סבוב המחברת מדי שנה בשנה. אזכרה אלהים ואהמיה לומר צאינה וראינה. שמא מזל יום או מזל שעה גרם פנקס לבקר. לפני חוקר הכל וסוקר. ויום זה הגלגל סבב החובה. אשר אש יצאה מחשבון ולהבה. ואכלה

---

צוא אגרויסר מעלה ער זאל קענען קומען גאנץ הויך. און מען ווייסט וואול וואס די כוונה פון גאט איז געוועזן וואס ער האט דעם מענטשן בשאפן. און האט אים זיין צרה דער בייא געגעבן. דאס איז דעם יצר הרע ער זאל שטארקן און הערשין איבער דעם שטארקן מענטש אים צוא פאר פירין ער זאל טאן קרומע זאכין. דאס האט ער געטאן פון וועגין די דאזיגע נשמות דיא דער לייזטע פון גאט וואס זייא זיינען פאר שלאסין אין דעם גוף וואס איז פון ערד. זאלין זייא ווידער קערין און קומען מיט געזאנג צוא דעם ציון וואס אין הימיל איז. דורך דעם צוא אנטפאנגען טאפעלין גוטין שכר און הנאה צוא האבין פון דער לויטערקייט פון דער שכינה און דוא ריינע נשמה וואס זיא לייכט אזו וויא ארובינדיל דוא ביסט געוועזן אין גן עדן פון גאט. און האסט געלעבט און האסט זוכה געוועזן צוא זיצין אין דיא מעלות פון דיא הייליגע און ריינע צדיקים און חסידים און רעכט פארטיגע זאלסטו זיין פאר בונדין אין דעם בונד פון לעבין בייא גאט וואס ער איז לעבעדיג און בשטאנדיגין און פון דעם טאג אן וואס דיינע טעג זיינען דער פילט געווארין און ביסט געקומען צוא ליגין מיט דיינע עלטערין האב איך גיט געקענט רוען און גיט שטיל זיין איך זאר מיך טרייסטין איבר דיין טויט. ווארום דו וואלסט מיך געקענט מזכה זיין און מיך צוא בגיטיגין פון דיין גוטש און אויף מיר זיינען גערעכינט אלע לייד. גלייך וויא דיא גלידער פון מיין האלבין גוף טוט מיר וויא. ווייל איך בין איין פונק פון דיין ליכט און בין פלייש פון דיין פלייש געווארט דער ווילן פון גאט איז מען זאל זיך לאזין טרייסטין כדי מען זאל נים זאגין וויא שווער איז דער הער וואס ער פאר דארבט אלץ וואס ער האט באשאפן

בעלי במות . ונרמה למפעלות יי אשר שם שמות :
ואמרתי בנפשי קום כי זה היום לבטל בקור פנקס
בפשפוש מעשים . והימים האלה נזכרים ונעשים .
בתשובה תפלה וצדקה . למען יציץ מחרכא . שוכן
את דכא . ויבטל ממני כל עקא . וגם כל חלי וכל
מכה . ומחשבתי הטובה יצרפה למעשה ויחשבה
לי צדקה . ולזכותך למעלה רמה . למעלה ממלאכי
איומה . ואתה תשא בעדי רנה ותפלה . מעלת כל עלה .
ונורא עלילה . ירים ויגביה מזלי למעלה . עד עולם
סלה . ויהפוך אבלי לששון וצהלה . ויברכני בכל
מיני ברכה והצלחה . וטובה וחיים ושמחה . וינחמני
בנחמות ציון וירושלים . ואתה תנוח ותעמד לגרלך
לקץ הימין . להתענג בבמה תענוגים רמין . אמן :

---

דרום איז דער מענטש שולדיג זיך טרייסטין און צוא זאגין דער דין פון גאט איז גיוועזן אין אייך מיט אייערע עלטערין . אבער אז עס גרייכט דיא זעלביגע צייט אלע יאר טוא איך נידיינקען אין גאט און טוא ברוכען און זאגין איך וועל ארויס גיין און זעהען טאמער ברייננט מיט דאס מזל פון דעם טאג אדער דאס מזל פון דער שעה אז מיין בוך וועט ווערין גיזוכט פאר גאט וואס ער פארשט אלץ און זעהט אלץ . און מיינע זינד זעלטין קומען דעם דאזיגין טאג וואס דורך דעם קען ח"ו ארויס קומען שלעכטיקייט וויא איין פראם פייער זאל ארויס גיין און זאל פאר ברענגען דיא בעסטע און העכסטע לייט און דאס איז גורם אז עס זאלין פאר וויסט ווערין דיא ווערק פון גאט . דרום האב איך גידאכט ביא זיך זעלבסט שטייא אויף . דען דאס איז דער טאג וואס דוא קאנסט מבטל זיין דאס נאך זוכין פון דעם בוך . מיט דעם וואס דוא וועסט נאך זעהען דיינע מעשים . און וועסט דיך בדיינקען מיט תשובה און תפלה און צדקה . פון וועגין דער וואס רועט ביא די צוא שטויסענע זאל לוגין פון דעם הימיל . און זאל פון מיר אפ טאן אלע לייד און אויך אלע קראנקהייט און שלעק . און מיין גוטע מחשבה זאל ער צוא רעכענען צוא די גוטע ווערק . און זאל דיך ברייננען צוא אזעלכע הויכע מעלה וואס איז העכער פון דיא פארכטיגע מלאכים און דוא זאלסט פאר מיר בעטין פון גאט . וואס ער האט גיווערקט אלע ווערקין און טוט פארכטיגע ווערקין . ער זאל אויף הייבין מיין מזל גאנץ הויך ביז אייביג . און זאל פאר קערין מיין קלאג צו פרייד און לוסט און זאל מיך בענטשין מיט אלערלייא ברכות און הצלחות און גוטס און לעבין און פרייד . און זאל מיך טרייסטין מיט די טרייסטונג פון ציון און ירושלים . און דוא זאלסט רוען און זאלסט ווידר אויף שטיין צו דיין גורל צום רעכטין סוף . צוא זעניפטיגין דיך מיט אלערליי הויכע תענוגים אמן

של"ה

יג וואס מען זאל זאגן אויף זיין עלטער פאטערש . קבר :

שלום עליך אתה אבי אבא בשלום ינוחו עצמותיך בקבר בעולם הזה ונשמתך לעולם הבא ותעלה למעלה לאגודה רמה . תחת כנפות אל וימין יי הרוממה . מחיל אל חיל תלך . וידעת כי שלום אהלך . ונשמתך תהא צרורה בצרור החיים . בשמי השמים . והנה היום יצאתי . והיום באתי . אל מקום ראש משפחתי תחלות שלשלת יחוסי . ראש ינקותי וצמרת הארז ושרשי מעשי עבות אבות זקן ביתי . וראש הקרובות נשיא אלהים אתה בתוכנו ומבחר גברינו . יפה נוף משוש כל משפחתנו . רב קדם יי את בינא רישא ומדברא דעמנא . אתה שמשתנו בחייך תשמשנו במותך : היה אתה לנו מול האלהים הגבוה מעל גבוהים . ושליח ומליץ בינותינו . על בנינו ועל דורותינו . ותשא בעדנו רנה ותפלה . לאל

---

שלום פריד צוא דיר דוא מיין פאטערס פאטער · מיט פרידין זאלין רוען דיינע ביינער אין קבר אין דער דאזיגער וועלט און דיין נשמה אויף יענער וועלט · און זאלסט אויף גיין אין אהויכע מעלה אונטער דיא פליגיל פון גאט · און זיין רעכטע האנט וואס זיא איז דער הויכין · פון איין חברותא צוא דער אנדערר זאלסטו גיין · און זאלסט וויסין אז דיין געצעלט זאל זיין פריד · און דיין נשמה זאל זיין איין געבונדין אין דעם בונד פון לעבין אין דיא העכסטע הימלען · און נון איך בין היינט אויס געגאנגען און היינט בין איך געקומען צו דעם ארט פון דעם הייבט פון מיין משפחה וואס ער איז דער אן הייב פון מיין יחוס · ער איז געוועזן מיין הייבט צווייג און וויא דיא קרוין פון איין טענין בויב און איין ווארצל גרדייט פון גוטע ווערקין גלייך וויא אונזערע עלטערין דער עלצטער פון מיין הויז און דער הייבט פון מיין פריינד · איין געטליכער העד בישטו צווישין אונז און דער בעסטער פון אונזערע מאנען · איין שיינע צווייג און דיא פרייד פון אונזער גאנצע משפחה דוא ביסט צווישין אונז דער העכסטער פאר גאט אונזער הער און אונזער פירער דוא האסט אונז בדינט ביא דיין לעבין · זאלסטו אונז באדינען נאך דיין טויט · זייא פאר אונז איין פיר שפרעכער פאר גאט וואס ער איז העכער פון אלע הויכע · און זייא אנוטער שליח און איין מליץ פאר אונז און פאר אונזערע קינדער און פאר אונזער געבירד · און בעט פאר אונז צוא גאט וואס זיינע ווערקין זיינען פארכטיג · ער זאל אונז משפטין מיט דער מדה פון ארך אפים און זאל אונז ניט אוועק נעמען פון דער דאזיגער וועלט מיט איילינקייט · ביז מיר וועלין אויס דער וויילין איין גוטין טייל און איין וואוינונג פאר דיא

ריינע

נוֹרָא עֲלִילָה . בְּאֶרֶךְ אַפַּיִם יְדִינֵנוּ . וּמִן הָעוֹלָם הַזֶּה אַל
יַעֲלֵנוּ . וְאַל יִקָּחֵנוּ בַּחֲטִיפָה . עַד שֶׁנִּבְרוֹר מָנָה יָפָה .
וּמָדוֹר לַנְּשָׁמָה הַטְּהוֹרָה . בְּמַשְׂכִּיּוֹת הָאוֹרָה . וּמִשֶּׁמֶן
אֲפַרְסְמוֹן וּמִטַּל חֶרְמוֹן . יַרְבֶּה חֶלְקֵנוּ וּבְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא
יִתֵּן לָנוּ חֵלֶק בְּלִי קִצְבָה וְנַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים וְדִבְרֵי
תוֹרָתוֹ יוֹדִיעֵנוּ וְתַלְמוּדֵנוּ יִתְקַיֵּם בְּיָדֵינוּ וִיצַוֶּה לְמַלְאָכָיו
הַקְּדוֹשִׁים הַמְּמוּנִּים עַל הַתּוֹרָה שֶׁיָּאִירוּ עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתוֹ
בְּמִקְרָא בְּמִשְׁנָה בְּתַלְמוּד בַּהֲלָכוֹת וַאֲגָדוֹת וּבְסִתְרֵי
תוֹרָה חֻקֶּיהָ וְדִינֶיהָ וּמִשְׁפָּטֶיהָ וְיִפְתַּח לִבֵּנוּ וְכִלְיוֹתֵינוּ
לְהָבִין וּלְהַאֲזִין אֶת פִּקּוּדָיו וְלִשְׁמוֹר מִצְוֹתָיו וִיזַכֵּנִי
לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם מֵעַתָּה וְעַד
עוֹלָם . וְיַרְבֶּה גְבוּלֵנוּ בְּתַלְמִידִים בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם
הַבָּא . וְאִם אֲנָא לָאו בַּר הָכִי הוּא לֶהֱווּ לִי בְּנִין וְחַתְנֵי
רַבָּנָן וְלִשְׁתַּמְעוּן מִלֵּי בְּצוּרְבָא מֵרַבָּנָן . וּזְכוּת הָרַבִּים
יִתְגַּלְגֵּל עַל יָדֵינוּ לְעוֹלָם וָעֶד וְנַעֲבוֹד עֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת
וּבְאַהֲבָה וְעֵינֵינוּ יָאִירוּ . וְעַפְעַפֵּינוּ יַיְשִׁירוּ : וְנִשְׁמָתֵנוּ

---

ריינע נשמה אין ליכטיגע קאמערין . און פון דעם באלסום אייל און פון די טויא פון דעם בארג חרמון זאל ער מערין אונזער טייל און פון דעם לעבין פון יענע וועלט זאל ער אונז געבין איין חלק נאר אן צאל . און איין ארב נאר אן מאס . און זאל אונז מאכין וויסין דיא רייד פון זיין תורה און אונזער לערנען זאל ביא אונז אקיום האבין . און ער זאל גיבאטין צוא זיינע היילינע מלאכים וואס זיינען ממונים איבער דער תורה . דאס זייא זאלין מאכין לייכטין אונזערע אויגין אין זיין תורה . אין פסוק אין משניות און גמרא הלכות אגדות . אין דיא סודות פון דער תורה מיט אירע געזעץ און אירע דינים און משפטים . און זאל עפינען אונזער הארץ און אונזערע נירין צוא שטיין און צוא פאר נעמען זיין באפעל און צוא היטין זיינע מצות . און זאל אונז לאזין זוכה זיין צו לערנען און צו מאכין אנדערע לערנען צוא היטין און צוא טאן און מקיים צוא זיין דיא תורה פון איצונד ביז אייביג און זאל מערין אונזערע גימערק מיט תלמידים אין דער דאזיגער וועלט און אויך אויף יענע וועלט . און ווען איך קען ניט לערנען זאל איך האבין זין און איידימש תלמידי חכמים . און מיינע רייד זאלין צו גיהערט ווערין גלייך וויא פון איין ת״ח . און מיר זאלין אימער און אייביג זוכה רבים זיין . און מיר זאלין גאט דינען מיט אמת און מיט ליבשאפט . אוז אונזערע אויגין זאלין לייכטין און אונזערע ברעמען זאלין קוקין רעכט פארטיקייט . אונזערע נשמות זאלין אים איינינין . און אונזערע לייבער זאלין אים בשיינען . אויך אונזער אטום וואס איז אין אונז זאלין פארשטין צו זיין נאסען . און מיר זאלין גיין ביא דאס ליכט פון אין

תיחדנו ונפשנו תפאר אותו אף רוחנו בקרבנו ישחר לשמו ונלך באור הנשמה הטהורה . אל מול פני המנורה . ונזכה לטייל בתענוג חצריו ועינינו תראינה ירושלים וציון וההוד והנצח ונוה אפריון ונוגה אש להבה . הדבק בחשק האהבה . וחיי העולם הבא ויעלנו בתוכה אל מעין הטוב שאין לו קצבה ונפטר באהבה רבה . ואתה תנוח ותעמד לגורלך לקץ הימין . להתענג בתענוגי העולם הבא ומלויתן ושאר תענוגים רמין . אמן :

יד אויף זיינער מוטערס פאטערס קבר זאל ער דאס זאגין :

שלום עליך אתה אבי אמי . ראש שלשלת יחוסי ובנין גשמי . בשלום תנוח בקבר בעולם הזה . ותעלה למעלה רמה להיות מחזה שדי יחזה . מחיל אל חיל תצעד ותלך . לחזות בנועם פני יי המלך . ושעשועיך ותענוגיך בגן עדן . ותשבע בצחצחות נפשך להיות תמיד מעונג ומעודן . ואף לא תצטער לעולם בקבר בצרת בניך . ויאר יי פניו אליך ויחנך . ויעלה את

---

דיינע נשמה צוא קעגין די הייליגע מנורה . און מיר זאלין זוכה זיין צוא שפאצירין אין די זעניפטיקייט פון זיין הויף . און אונזערע אויגין זאלין זעהען ירושלים און ציון . און דיא שיינקייט און אייביקייט און דיא וואונונג פון דער חופה . און דאס ליכט פון דעם פלאמענדינין פייער וואס איז בהעפט אין דעם וואס דינט גאט מיט גילוסטיגע ליבשאפט און זאל אונז אריין ברייגגען צוא דעם גוטין קוואל וואס ער האט קיין צאל ניט . און מיר זאלין ווערין אפ גישייד פון דער וועלט מיט גרויסע ליבשאפט און דוא זאלסט רוען און זאלסט ווידער אויף שטיין צו דיין גורל אין דעם רעכטין סוף דאס דו זאלסט זיך זעניפטיגין מיט דיא תענוגים פון יענע וועלט און פון דעם לויתן און אנדערע הויכע תענוגים אמן :
שלום פריד צוא דיר דוא מיין מוטערס פאטער דער אן הייב פון מיין יחוס און מיין גיביידע פון מיין גוף . מיט פריד זאלסטו רוען אין קבר אין דער דאזיגער וועלט און זאלסט אויף גיין צו איין הויכע מעלה דוא זאלסט זעהען די שיין פון דעם אלמאכטיגן גאט . פון איין חברותא צוא דער אנדערע זאלסטו טרעטין און גיין . צו זעהען אין דעם זיסקייט פון גאט דעם קיניג . און דיין דער מיאונג און זעניפטיקייט זאל זיין אין גן עדן . און זאלסט זעטין דיין זייל מיט לויטערקייט דאס דוא זאלסט אלע צייט זיין אין תענוג און וואול לוסט . און זאלסט אויך ניט האבין קיין צער אין קבר פון וועגין דיא צרות פון דיינע קינדער . און גאט זאל לייכטין פאר דיר זיין שכינה און זאל דיך לייט זעליגין . און זאל אויף ברייגגען דיין נשמה פון איין מעלה צוא דער אנדערער . פון דעם גן עדן התחתון צו דעם אויבערשטין גן עדן . צוא כשיצין דיך אין דעם אויבערשטין פאר בארגענס אין דעם שאטין

# תפלות על בית עלמין

נשמתך ממעלה למעלה מגן עדן התחתון לגן עדן העליון · לחסות בסתר עליון · בצל שדי תחת כנפי הכרובים · ויהיה מנוחתך בשלום ובכבוד עד אשר יערה ממרום רוחו להוריד טל של תחיה ואז תעמוד לגורלך לקץ הימין להתענג בתענוגים מזיו המאור הגדול העליון אשר עין לא ראתה זולת אלהים · מה רב טוב הצפון אשר יעשה למחכה לו ובכל עת ובכל שעה יהיה לך מנוחה נכונה תחת כנפי השכינה במעלות הקדושים וטהורים · המאירים ומזהירים · כזוהר הרקיע וכעצם השמים לטוהר · ואני עצם מעצמיך ובשר מבשרך באתי למקום קברך ואל בית מנוחתך לחנן אותך במר נפשי · וגדל אושי · כעני המחזיר על הפתחים · וכרש ואיש תככים · וידו פשוטה במימר שזבני · והושיעה נא אדוני · ויכמרו נא עלי רחמיך ותעמוד מהר בתפלה ובבקשה · לפני מלך אל רם ונשא · שיעזר לי ברוב רחמיו וחסדיו · כי באו מים עד נפש · טבעתי ביון מצולה ואין מעמד · באתי במעמקי מים ושבולת שטפתני יגעתי בקראי נחר גרוני כלו עיני מיחל לאלהי · ואמרתי אך עצמי ובשרי אתה ומבשרך אל תתעלם ·

---

פון דעם אלמאכטיגין גאט אונטער דיא פליגיל פון דיא כרובים · און דיין רואונג זאל זיין מיט פרייד און מיט כבוד · ביז גאטס ווילין וועט זיין אראפ צוא נידערין טויא וואס דורך איר וועליז דיא טויטע לעבעדיג ווערין · און דענמאלט וועסטו אויף שטיין צו דיין גורל אין דעם רעכטין סוף צוא פאר לוסטיגין זיך מיט דיא תענוגים פון דעם גלאנעץ פון דעם אויבערשטין גרויסין ליכט וואס קיין אויג האט עס ניט געזעהען נאר גאט אליין · זיא נאר גרויס איז זיין פיל גוטס וואס איז בהאלטין וואס ער וועט געבין צוא דיא וואס האפין צוא אים · און אלע צייט און אלע שעה זאל דיר זיין ארעכטע רואונג אונטער דיא פליגיל פון דער שכינה אין דיא מעלות פון דיא היילינע און ריינע וואס זייא לייכטין און גלאנצין אזו וויא דער גלאנעץ פון דעם הימיל · און אזו וויא דאס לויטערקייט פון דיא הימלען · און איך וואס איך בין איין ביין פון דיינע ביינער און פלייש פון דיין פלייש · בין איך גיקומען צוא דיין קבר און צוא דיין רוא הויז · צו בעטין דיך מיט מיין ביטער לייב און מיט גרויסע באטריבנס · אזו וויא איין ארומאן וואס גייט ארום אויף דיא טירין · און אזו וויא איין ארומער און איין קליינטער און זיין האנט איז אויס גישטרעקט מיט דעם זאגין בשירעם מיך און העלף מיר מיין הער · און דיין רחמנות זאל זיך איבער מיר דער היצין · או שטייא גיך אויף מיט גיבעט פאר גאט דעם קיניג דער דא איז הויך · און דער הויבין ער זאל מיר העלפין מיט זיין פיל רחמנות און זיין גינאד דען די וואסער איז גיקומען ביז מיין לייב · איך בין ווארין איין גיזונקען אין טיפין זומפ און קיינער קען מיר ניט העלפין · איך בין גיקומען אין דיא טיפע וואסער און דער שטראם וואסער האט מיך פאר פלייצט · איך בין מיד פון רופין · מיין קעל איז ווארין פאר דארט מיינע אוי־

גען

יתבקש עלי רחמים: לפני יושב בגבהי מרומים. ומביט בעמקי הדומים. שיחנני ממתנת ידו הפתוחה לכל ויסמכני רוח נדיבה חכמה עצה וגבורה רוח דעת ויראת יי כל היום. ויחון ויחוס ויחמול וירחם עלי ויתן לי מתנת חנם מאוצרותיו כמו שכתוב ויאמר אני אעביר כל טובי על פניך וחנותי את אשר אחון ורחמתי את אשר ארחם. ותהיה יראתו נגד פנינו. לטהר מערכי לבבנו ורעיונינו. ורוח נכון יחדש בקרבנו. ויסיר לב האבן מבשרנו המפסיק ביני ובין יראתו. ויתן לי לב בשר. ויצאו מים חיים ממעין העליון דרך רחובות הנהר אל קו האמצעי. נהר פלגיו ישמחני אלהים לטהר אתי מחטאתי ומעונותי ומפשעי. וישליך במצולות ים כל חטאתי וכל חטאת עמו בית ישראל. וישרש בנו מדות טובות ואמונות טובות ורצויות שיהיו מקבלים לפניו. וירחיק ממני ומעמו בית ישראל טומאת יצר הרע. טומאת רוח זנונים ורוח רעה ורוח חמס וסטרא דמסאבא. ויזכרנו בזכרון טוב. ויברך את לחמנו ואת מימינו. וימלא משאלות לבנו לטובה. ויתן טל ומטר לברכה בעתו ולחם לאוכל לפי

---

זיינען וואריין פאר לענט פון האפונג צו גאט. און איך טראכט דוא ביסט דאך מיין ברוט און פלייש אזו ועסטו זיך פון דיין פריינד ניט פאר הוילין און וועסט בעטין פאר מיר גאט וואס ער זיצט אין דיא הויכע הימלען און לוגט אין דיא טיפע ערד. דאס ער זאל מיך לייט זעליגין פון דיא גאב פון זיין האנט וואס זיא איז אפין צו אלע. און זאל מין אינטער לעהנען מיט איין בווילינגט ניזמיט פון חכמה און ראט און שטארקייט. איין גימיט פון וויסין שאפט און גאטס פארכט אלע צייט. און זאל מיך לייט זעליגין און זאל זיך איבער מיר דער בארימען. און זאל מיר געבין פון זיינע אוצרות אום זיסטע גאב אזו וויא עס שטייט גישריבין און גאט זאגט איך וועל לאזין איבער פירין אלע מיינע גוטס פאר דיר און איך וועל לייט זעליגין דעם וואס איך וועל אים וועלין לייט זעליגין און איך וועל זיך דער בארימען איבער דעם וואס איך וועל וועלין דער בארימען. און זיין פארכט זאל זיין אנטקעגין אונזער פנים צו ריינינגין דיא גידאנקען פון אונזער הארץ און אונזערע מחשבות. און ער זאל בנייען אין אונז ארעכט פארטיג גימיט. און זאל אפ טאן פון אונזער לייב דאס שטיינענע הארץ וואס מאכט אצווישין שייד צווישין מיר און צווישין זיין פארכט. און ער זאל מיר געבין איין פליישיג הארץ און עס זאל אויס גיין קוועלינדיגע וואסער אויס דעם אויבערשטין קוואל דורך דעם טייך וואס קומט אויב דעם גן עדן צו דער שטאט ירושלים. מיט דעם זאל מיר גאט דער פרייען צוא ריינינגין מיך פון מיינע זינד און אום רעכטיקייט און מיסטייט. און זאל אריין ווארפין אלע מיינע זינד און דיא זינד פון זיין פאלק ישראל אין טיפין ים. און זאל אין אונז איין ווארצלען גוטע מדות און גוטע און בווילינגטע גלייבונג וואס זאלין זיין גינומען פאר איהם. און זאל

דער

תַּסְף · וְיַעֲשֶׂה עִמִּי אוֹת לְטוֹבָה אוֹת לִישׁוּעָה וְרַחֲמִים · וְאֶזְכֶּה בִּזְכוּתְךָ וּבִזְכוּת כָּל שְׁאָר צַדִּיקִים וַחֲסִידִים הַנִּקְבָּרִים פֹּה וּבְכָל הָעוֹלָם לִהְיוֹת חֶלְקִי בְּאֶרֶץ הַחַיִּים עִם כָּל צַדִּיקֵי וַחֲסִידֵי עוֹלָם · וִימַלֵּא מִשְׁאֲלוֹתַי בְּמִדָּה טוֹבָה יְשׁוּעָה וְרַחֲמִים · וְאַל יְשִׁיבֵנִי רֵיקָם מִלְּפָנָיו וְיִתֶּן לִי בָּנִים וּבָנוֹת עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת וּבַעֲלֵי שֵׁם טוֹב וְשֶׁלֹּא נֵבוֹשׁ וְלֹא נִכָּלֵם וְלֹא נֶחְפַּר מֵהֶם לֹא בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא בָּעוֹלָם הַבָּא · וְאַתָּה לֵךְ לַקֵּץ וְתָנוּחַ הַנֶּפֶשׁ הַנְּשָׁמָה וְהָרוּחַ · לַחֲזוֹת בְּנוֹעַם יְיָ וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ · עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה · וְשָׁם נָשִׁיר שִׁיר חָדָשׁ · וְנוֹבִיל שַׁי בְּקוֹדֶשׁ · מִדֵּי שַׁבָּת וְחוֹדֶשׁ · כַּאֲשֶׁר רוּחַ חֲדָשָׁה בְּקִרְבֵּנוּ יְחַדֵּשׁ · וְאִישׁ אֶל מִשְׁפַּחְתּוֹ וְאֶל אֲחֻזַּת אֲבוֹתָיו נָשׁוּב · לָשׁוּשׂ לְטוֹב יְיָ כִּי יָשׁוּב · אָמֵן:

יד וואס מען זאל זאגן אויף זיין עלטער מוטערס קֶבֶר

## שָׁלוֹם עָלַיִךְ · אַתְּ אִמָּא רַבְּתָא · הָיִית בְּחַיַּיִךְ סִימָא טָבָא בְּבֵיתָא · הָיִית אֵם הַבָּנִים · וּמַעֲשַׂיִךְ הָיוּ הֲגוּנִים · דּוֹבֶרֶת בְּחָכְמָה כְּמוֹ אֲנָשִׁים לְכָבוֹד · הֶגְיוֹן פִּיךְ הָיָה יוֹמָם וָלַיְלָה אֶת הָאֱלֹהִים לַעֲבוֹד · נַפְשֵׁךְ הַטְּהוֹרָה

דעם גרויסן דעם שטארקן דעם פארכטיגן און זיך פאר שפרייטן אויף זייערע קברים דאס זייער זכות און זייערע צדקות וואס זיא האבן גיטאן ביא זייער לעבן זאל אויף מיר און אויף אלע מענטשין גוטס שפרעכן . טוא עס פון וועגן אלע צדיקים און חסידים די היילגע מאנזבילין און ווייבער וואס זיינען באגראבן אין דר גאנצער וועלט טוא פון וועגן שרה רבקה רחל ולאה און באשירעם מיך פון אלע בייזע באגעגענעס און מיין צו בראכינגע און צו שטויסינגע און נידעריגע הארץ זאלסטו לויגן פון דעם הימיל און נעד מיין צו בראכינגע גימיט און מיין הארץ און דאס שוואכקייט פון מיין קראפט און מיין קורצין אטום דען אויף דעם ארט וואס מיין גישטאלט איז גיוועזן שיין און מיין לייב איז גיוועזן גיזונד . בין איך איצונד מאגער פון פלייש און מיין גישטאלט איז איבעל און שלעכט און מיינע גלידער זיינען אויס גידארט פאר מאגירקייט . און ווייל דאס גיבעט פון דעם חולה איז פאר אים זייער גוט דאס קען פיל העלפין דרום אזו האט זיך דיין קנעכט אונטער גישטאנדין צו בעטין די דאזיגע תפלה . ווען אפילו מיין גישמאק איז פאר ביטען און מיין פאר שטאנד איז נים גיבליבן אין מיר זעה גאט עס איז מיר איינג מיינע גידערים זיינען וואדרין איין גישרומפין . מיין הארץ איז ווארין פאר קערט אין מיר פון דעם הימיל איז ווארין גישיקט איין פייער אין מיינע ביינער און האט זיי צו בראכין . ער האט פאר שפרייט איין נעץ צוא מיינע פים ער האט גישטרויכילט מיין קראפט . מיין פלייש און מיין הויט איז ווארין פר פוילט . מיין פנים מיט מיין גישטאלט איז ווארין קראנק . גידיינק מיין באשעפער מיינע יונגע טעג איידער די זון און דאס ליכט און דיא לבנה און די שטערין ווערין ווארין פינסטער . און ברייננ אויף איין רפואה שלמה צו אלע מיינע שלעק . און זאלסט מיר נים גידיינקען וואס איך דיין קנעכט האב פאר קרימט און וואס איך האב גיטאן בייז . עפין מיר און בשירעם מיך און פאר בארג מיך אין דיין שאטין ביז דאס לייד און ברכענעס וועט איבער גיין . און זייא צו אונז אין אונזער הילף און גיב מיר קראפט צו היטין דיין באפעל און דיין גיזעץ . און זיי מיך מזכה צוא פארשטין דיין בהמ"ק וואס איז פאר וויסט און פאר שטערט . און צו לעקין זיין ערד און צו בווילינין זיינע שטיינער און זיינע פאר וויסטע שטיקער ערד . און דאס איך זאל גגראבין ווערין מיט אלע דיינע צדיקים און חסידים . און פאר נעם מיט דער באדימקייט און ווילין מיין גיבעט . און זאלסט מיר נים לאזין ליידיג פון דיר צוריק גיין אמן :

כז וויא אנדערע לייט אויף איינעם קראנקין זאלין מתפלל זיין :

יי אל רחום וחנון שמע אל התפלה והתחנון אשר עבדיך לפניך מתפללים עבור החולה המטל למטה כאלו העלוהו לגרדום לדון חיש קל כאלו נטו ונסו הצללים . הוא הנפש המר אשר כל משכבו נהפך בחליו לא עמד בו טעמו וריחו נמר . כל אכל תתעב נפשו והגיע עד שערי מות חם לבו בקרבו בהגיגו תבער אש . ראשו ואבריו כבדים עליו יתנכר במעלליו רואה כאחד את הבית והעליה . ושעריו יכת שאיה . חלים רעים ונאמנים סבבוהו . הכל נחשב כנגדו כאפס ותוהו . לכן אנחנו מצלנן האידנא אקצירא ואמריעא . אנא יי הושיעה . יי חננהו רפאה נפשו כי חטא לך . היה בכסלו ושמור רגלו מלכד כי עליך יעזב חלכה והסיר יי ממנו כל חולי וכל מדוי מצרים הרעים . והולכים לתומם קרועים . כל כלי יוצר עליו לא יצלח . וכל לשון תקום אתו למשפט ירשיע וחץ כבדם יפלח . ועז יי

---

יי גאט דו דער בארימיגר און לייט זעליגער הער צו דאס גיבעט וואס דיינע קנעכט בעטין פאר דיר פון וועגין דר וואס ליגט צו בעט גלייך וויא מען האט אים גבראכט פאר דעם ריכטער צו משפטין אים גיך און באלד גלייך וויא די שאטינס ווס אנטלויפן גיך . ער איז דר פאר ביטערטער לייב וואס זיין גאנץ גילעגר איז ווארין פר קערט אין זיין קראנקהייט זיין גישמאק מיט זיין ריח איז ניט גיבליבן שטיין אין אים . אלערליי עסין וואר"ג האט זיין לייב פאר אוס ווערדינט און איז גיגרייכט ביז דיא טויערין פון טויט זיין הארץ איז דר היצט אין אים און אין זיין גידאנקען ברענט דאס פייער . זיין קאפ מיט זיינע גלידער זייגען אויף אים שווער ער איז וואונדרליך אין זיינע ווערקין . ער ועהעט אלץ ארום דם הויז און דעם בוידים זעהעט ער אז דאס וויסטיקייט האט עס גיטאן שלאגין . בייזע קראנקהייט און ווארהאפטיגע האבין אים ארום גירינגלט אלץ וואס ער האט ווערט ביי אים גירעכינט פאר ניסט . דרום טוען מיר היינט בעטין פר די קראנקע און שוואכע . איך בעט דיך גאט העלף אים . לייט זעליג אים הייל זיין לייב ווען ער האט קעגין דיר גיזינדיגט . זאי מיט אים אין זיינע גידאנקען היט זיינע פיס פון גישטרויכילט צו ווערין . דען אויף דיר פאר לאזין זיך דיין פאלק . און גאט זאל פון אים אפ טאן אלע קראנקייט און אלע בייזע ווייטאג פון מצרים . און די וואס נייען אין זייער גאנצקייט און זייגען באטריבט . זאל קיין פאר דערבליך ניפעס אים ניט קעגען טאן און

תִּהְיֶה אֶל יְרֵאָיו לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ לְהַצִּיל מִמָּוֶת נַפְשָׁם
וּלְחַיּוֹתָם בָּרָעָב. וְלֹא תְשַׁלֵּם לוֹ כְּפוֹעַל יָדוֹ הָאֵל הַמֶּלֶךְ
הַיּוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רַחֲמִים. הַבּוֹרֵא עוֹלָמוֹ בְּמִדַּת הָרַחֲמִים.
וְלוֹ הַחֶסֶד וְהָרַחֲמִים. וּמִתְנַהֵג עִם בְּרוּאָיו בְּמִדַּת רַחֲמִים.
מַטֶּה כְלַפֵּי חֶסֶד וְרַחֲמִים. הַפּוֹדֶה וּמַצִּיל הַמַּפְלִיא חֲסָדָיו
לְהוֹעִיל. הָאֶחָד וְאֵין זוּלָתוֹ. וּמוֹשִׁיעַ אֵין בִּלְתּוֹ. הַגּוֹזֵר
וְאוֹמֵר וִיקַיֵּם נְאֻמוֹ. הָאֶחָד וְאֵין שֵׁנִי עִמּוֹ. הַקָּרוֹב
לְקוֹרְאָיו וְעוֹנֶה לְעִתּוֹת בַּצָּרָה אֶת יְרֵאָיו. הוּא יִתְמַלֵּא
רַחֲמִין טָבִין עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל וּבִכְלָלָם
יִזְכּוֹר וְיִפְקוֹד וְיַחְמוֹל וִירַחֵם וְיַצִּיל וְיַעֲזוֹר וְיָגֵן וְיוֹשִׁיעַ
וִירַפֵּא פב״פ הַשָּׁרוּי בְּצַעַר וּבְצָרָה שׁוֹכֵב עַל עֶרֶשׂ דְּוָי
וְשׁוֹאֵל מֵאֵת יְיָ אֱלֹהָיו צְדָקָה וָחֶסֶד וְרַחֲמִים וְחַיִּים וְשָׁלוֹם
וְחֵן וּמַרְפֵּא וַאֲרוּכָה יְרַחֲמֶנְהוּ עוֹשֵׂהוּ וְיוֹצְרוֹ יְחוֹנְנֵהוּ
יְסוֹבְבֶנְהוּ יִצְּרֶנְהוּ כְּאִישׁוֹן עֵינוֹ יְחוֹנְנֵהוּ וְיֹאמַר פְּדָעֵהוּ

---

דר וואס וועט אויף שטיין קענן אים צו משפט וואלסטו אים בשולדיגן און די פייל זאל צו שפאלטין זייער לעבער און גאטס השגחה זאל זיין איבער זיינע פארכטיגר צו דיא וואס האפין צו זיין גינאד צו בשירמען זייער לייב פון דעם טויט און זיי צו דער נערין אין הונגער. און דוא גאט וואס זיצט אויף דער בארעמיגער שטול זאלסטו אים ניט בצאלין אזו וויא זיינע מעשים. דר וואס האט בשאפין זיין וועלט מיט דר מדה פון דר בארימקייט. און ביי אים איז דיא גינאד און דער בארימקייט און ער פירט זיך מיט זיינע בשעפינעס מיט דר מדה פון דער בארימקייט דער וואס לייזט אויס און בשירמעט זיינע וואונדערליכע גינאד בווייזט ער ווען ער וויל איינעם העלפין און קיין אנדערער איז ניט פאר האנדין חוץ אים. און ער קען העלפין. קיינער גיט נאר ער אליין און ניט קיין אנדערער. דער וואס איז גוזר און זאגט און איז מקיים זיינע רייד. ער איז איינער און קיין אנדערער איז ניט פאר האנדין מיט אים. דער וואס איז נאהענט צו די וואס רופין אים און ענטפערט צו זיינע פארכטינע צו דר צייט פון לייד. דר גאט זאל ווערין דער פילט מיט גוטע רחמנות אויף אונז און אויף גאר זיין פאלק ישראל. און אין זייער כלל זאל ער גידיינקען און זאל זיך דער בארימען און בשירמען און העלפין און בשיצין און זאל היילין דעם (פלוני בן פלוני) וואס ער רוט אין צער און אין לייד וואס ער ליגט אויף זיין קראנקין בעט. און בעט פון גאט זיין גאט צדקה און חסד און דר בארימקייט און לעבין און פריד און חן און איין רפואה. זיין בשעפר זאל זיך דער בארימען איבער אים. און זיין פורמר זאל אים לייט זעליגין ער זאל אים ארום רינגלען און זאל אים היטן

מֵרֶדֶת שַׁחַת מָצָאתִי כוֹפֶר. מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים בְּרַחֲמָיו יְרַחֲמֵהוּ וִיקַיֵּם בּוֹ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב כִּי אֵל רַחוּם יְיָ אֱלֹהֶיךָ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַשְׁחִיתֶךָ וְלֹא יִשְׁכַּח אֶת בְּרִית אֲבוֹתֶיךָ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לָהֶם. וְנֶאֱמַר כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים רִחַם יְיָ עַל יְרֵאָיו. חַנּוּן וְרַחוּם יְיָ אֶרֶךְ אַפַּיִם וּגְדָל חָסֶד. מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים בְּרַחֲמָיו יַעֲנֵהוּ כִּדְכְתִיב. יַעַנְךָ יְיָ בְּיוֹם צָרָה יְשַׂגֶּבְךָ שֵׁם אֱלֹהֵי יַעֲקֹב. יִשְׁלַח עֶזְרְךָ מִקֹּדֶשׁ וּמִצִּיּוֹן יִסְעָדֶךָּ. יִזְכּוֹר כָּל מִנְחוֹתֶיךָ וְעוֹלָתְךָ יְדַשְּׁנֶה סֶלָה. יִתֶּן לְךָ כִלְבָבֶךָ וְכָל עֲצָתְךָ יְמַלֵּא. לֹא תְאֻנֶּה אֵלֶיךָ רָעָה וְנֶגַע לֹא יִקְרַב בְּאָהֳלֶךָ. כִּי הוּא יַצִּילְךָ מִפַּח יָקוּשׁ מִדֶּבֶר הַוּוֹת. מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים בְּרַחֲמָיו וּבַחֲסָדָיו יָסִיר מִמֶּנּוּ כָּל חֳלָיִים רָעִים וְיִפְדֶּה נַפְשׁוֹ מִנִּי שַׁחַת וְחַיָּתוֹ בָּאוֹר תִּרְאֶה. יֶעְתַּר אֶל יְיָ וַיִּרְצֵהוּ וַיַּרְא פָּנָיו בִּתְרוּעָה וַיָּשֶׁב לֶאֱנוֹשׁ צִדְקָתוֹ פָּדָה נַפְשׁוֹ מֵעֲבוֹר בַּשַּׁחַת וְחַיָּתוֹ בָּאוֹר תִּרְאֶה לְהָשִׁיב נַפְשׁוֹ מִנִּי שַׁחַת לֵאוֹר בְּאוֹר הַחַיִּים. מֶלֶךְ מַלְכֵי

---

זויא דאס שווארץ אַפּיל פון זיין אויג. ער זאל אים לייט זעלינין און זאל זאגין איך האב אים אויס גילייזט פון צו נידערין אין גרוב איך האב גיפונען פאר אים איין אויס לייזונג. ווער קיניג איבער אַלע קיניגין מיט זיין רחמנות זאל ער זיך איבער אים דער בארימען און עס זאל מקוים זוערין אין אים דר פסוק וואס שטייט גישריבין דען גאט דיין גאט איז אַדערבארמיגר גאט ער וועט דיך ניט שלאפין און וועט דיך ניט פאר דארבין און וועט ניט פאר געסין אין דעם פאר בונד פון דיינע עלטערין וואס ער האט צו זיי גישווארין. און נאך איז נוארין גיזאגט אין פסוק. גלייך איין פאטער דער בארימט זיך איבער זיינע קינדער. אזו טוט גאט זיך דער בארימען איבער זיינע פארכטיגע גאט ב"ה איז איין חנון און איין דער בארמיגער ער האלט אויף דעם צארין און טוט גרויסע גינאד. דער קיניג איבער אַלע קיניגין מיט זיין רחמנות זאל ער אים ענטפערין אזו ווי עס שטייט גישריבין גאט ב"ה וועט דיר ענטפערין אין דעם טאג פון לייד. דער נאמען פון דעם גאט פון יעקב וועט דיך שטארקין. ער וועט שיקין דיין הילף פון די הייליקייט און פון ציון וועט ער דיך אונטער לעהנען. ער וועט גיידיינקן אלע דיינע קרבן מנחות און דיינע פעטע קרבן עולות טוט ער גידיינקען אויף אייביג. ער וועט דיר געבין ווי דיין הארץ בגערט און אלע דיינע ראט וועט ער דער פילין. עס וועט ניט טרעפין צו דיר קיין בייז און קיין פלאג וועט ניט גינעהענן אין דיין גיצעלט דען ער וועט דיך מציל זיין פר איין שטרויכלונג נעץ און מארד און פרעבענעס. דער קיניג איבער אלע קיניגין זיין רחמנות

און

המלכים ברחמיו ובחסדיו יגזור עליו גזרות טובה
ויבטל מעליו כל גזרות קשות ורעות וירפא את מכותיו
ואת מכאוביו ויסלח לכל עונותיו ויכפר כל פשעיו
ויאריך ימיו ושנותיו ויחדש כנשר נעוריו ויקים בו
מקרא שכתוב ותגזר אמר ויקם לך ועל דרכיך נגה
אור כי ארך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך. ונאמר
כי בי ירבו ימיך ויוסיפו לך שנות חיים ושלום. כי חיים
הם למוצאיהם ולכל בשרו מרפא. ארך ימים אשביעהו
ואראהו בישועתי. מלך מלכי המלכים ברחמיו
ירפאהו רפואה שלמה וארכה של חמלה וחנינה לחיים
טובים ולאריכות ימים חיים של רחמים חיים של
השקט ומנוחה חיים של שלום חיים של ברכה
כדכתיב כי ארך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך.
מלך מלכי המלכים ברחמיו יפתח לו שערי אורה
שערי ארוכה שערי ברכה שערי גילה שערי דיצה

---

און זיין גינאד זאל ער פון אים אפ טאן אלע בייזע קרענקייטין און זאל אויס לייזין זיין
לייב פון דעם גרוב און זאל זעהען אין זיין לעבין דאס ליכטיקייט ווידער צו קערין זיין
לייב פון דעם גרוב צו לייכטין אין דעם ליכט פון לעבין. דער קיניג איבער אלע קיניגן
מיט זיין רחמנות און זיינע חסדים זאל ער אויף אים גוזר זיין גוטע גזירות און זאל מבטל
זיין פון אים אלע שווערע און בייזע גזירות. און זאל היילין זיינע שלעק און זיין וויא
טאג. און זאל פאר געבין זיינע זינד מיט זיינע מיסטייט. און זאל דר לייגערין זיינע
יארין און טעג. און עס זאל ווערין באנייעט זיין יוגינט אזו וויא איין אדלער און עס
זאל אין אים מקוים ווערין דער פסוק און דו וועסט גוזר זיין מיט איין זאג און ער וועט
מקיים זיין צוא דיר און אויף דיינע וועגין וועט לייכטין דאס ליכט דען לאנגע טעג און
לעבעדיגע יארין וועט מען דיר מערן. און נאך איז גיזאגט גיווארין דען דורך מיר וועלין
גימערט ווערין דיינע טעג און וועלין דיר מערין לעבעדיגע יארין און פריד. דען זייא
זיינען לעבין צו די וואס גיפינען דיא רייד פון דער תורה. און צו גאר זיין לייב זיינען
זייא איין היילונג. מיט לאנגע טעג וועל איך אים זאט מאכין און וועל אים ווייזין אין
מיין הילף. דער קיניג איבער אלע קיניגין מיט זיין רחמנות זאל ער אים היילין אגנצע
רפואה און איין היילונג פון דער בארימקייט און לייט זעליקייט צו חיים טובים און צו
לאנגע טעג. איין לעבין פון דער בארימקייט איין לעבין פון שטילקייט און רוא. איין
לעבין פון שלום איין לעבין פון ברכה אזו וויא עס שטייט גישריבין דען לאנגע טעג און

יארין

וישועה שערי הרוחה שערי ועד טוב שערי זכיות שערי חיים טובים שערי ישועה שערי כפרה שערי לב שמח שערי מחילה שערי נחמה שערי סליחה שערי עזרה שערי פדות שערי צדקה שערי קוממיות שערי רפואה שלמה שערי תשועה כדכתיב ותשועת צדיקים מיי מעוזם בעת צרה. ואתם ישני אדמת עפר. דלגו על ההרים כעופר. עושו גושו חושו. ואת יי דרשו. מכחכם שחדו בעדו. יתן ריח נדרו. וחלו נא פני אל. יוסיף ימים על ימיו ושנים על שניו ויתן לו כח ואילות ניחלימהו ויבריאהו וישמרהו ויחיהו. ויזקין בארץ גזעו. עד אשר גאה גאה להעלות שמים שיאו. ויחי עוד לנצח ולא יראה השחת ולא יחסר לחמו ולא ימות לשחת ואל שדי יברך אותו בברכת שמים מעל ומתהום רובצת תחת וירפאהו בקרחת ובגבחת. ויזכה לראות חבור יהודה ואפרים אחת אל אחת. אמן:

---

יארין פון לעבין און פריד וועט דיר גימערט ווערן דער קיניג איבער אלע קיניגין מיט זיין רחמנות זאל ער אים עפינען די טויערין פון ליכט די טויערין פון היילונג די טויערין פון ברכה די טויערין פון פרייד און הילף דיא טוערין פון דער ווייטערונג. די טויערין פון אגוט איין זאמלונג. די טויערין פון זכיות. די טויערין פון חיים טובים. די טויערין פון הילף די טויערין פון פר געבונג. די טויערן פון אפרייליך הארץ די טויערין פון טרייסטונג. די טויערין פון סליחה. די טויערין פון הילף די טויערין פון אוים לייזונג די טויערין פון צדקה די טויערין פון הויכקייט די טויערין פון רפואה שלמה די טויערין פון הילף אזו ווי עס שטייט גישריבין אין פסוק און די הילף פון דיא צדיקים איז פון גאט ער איז זייער שטארקייט אין דר צייט פון לייד און איר טויטע וואס שלאפין אין דער ערד. שפרינגט איבער די בערג אזו ווי איין יונגער הירש איילט אייך און גינעהענט און פארשט גאט פון אייער קראפט זיינט מען פון אייערע מעשים טובים ניט שוחד פאר אים דאס ער זאל אים ווידער געבין זיין גישמאקין ריח און בעט פאר גאט ער זאל אים מערין טעג אויף זיינע טעג און אויך זאל ער מערין יארין אויף זיינע יארין. און זאל אים געבין קרפט און מאכט. און זאל שטארקין און גיזונט מאכין און זאל אים היטין און דער נערין און זיין צווייג זאל אלט ווערין אויף דער ערד. ביז ער וועט אזו הויך ווערין דס זיין הויך זל גרייכין ביז דעם הימיל. און זאל דר נאך לעבין אייבית און זאל ניט זעהען די גרוב. און זיין ברויט זאל ניט גימינערט ווערין און זאל ניט שטארבין צוא דער גרוב. און דער

אלמאכטיגער

בח ווען אנדערע לייט ווילין מתפלל זיין פאר איין ניזונטין מענטשין דס ער שיקט זייא
אויף זיינע קברי אבות זאלין זיי זאגין די דאזיגע תפלה :

הנה אנחנו מאלמים אלומים בתוך השדה אשר ברכו
יי בנשמות טהורים עולים ויורדים בו מן גלות
עליות ומעין היוצא מבית יי מעדן העליון וכשאינם
רואים על מה העולם יכול להתקים . הם מתפללים על
החיים . ועתה בבואנו לפני אבינו שבשמים אין אנו
קוראים לא למיכאל באחת ולא לגבריאל בשתים אך
אל מליצי יושר אשר היו מלבשים בעור ובשר . ועתה
עלו אל יי לכפר בעדו צל פחד בן חפר ומשלהם נותנים
למי שאין לו . וחיתה נפשו בגללו . בכן אנו באים על
אדמת קדש בשעה חדא משתומם . קרועים והולכים
לתמם בלב מהרהרים ובפה גומרים עונים ואומרים
יפמירו בשפה ניעו ראש אל מלאכי רוח משרתי
צדיקי יסודי עולם . נשמות טהורות כלם . כלם אהובים
כלם ברורים אשר גופם היו פה חפורים וקבורים .
וממקום קדוש יהלכו שמם בעיר ישתבחו במעשיהם

אלמאכטיגער גאט זאל אים בענטשין מיט דעם בענטשונג פון דם הימיל פון אויבן און
פון דעם אפ גרונט וואס הויערט אונטין . און זאל אים היילין פון אלע זייטין און זאל
זוכה זיין צו זעהען ווי די בהעפטונג פון יהודה מיט אפרים וועט ווידער זיין בהעפט
איינס מיט דעם אנדערין און וועלין ווערין איין מלוכה אמן :

הנה נון מיר זיינען מיט אנאנדר פר בונדין אין דעם פעלד וואס גאט האט גיבענטשט
מיט ריינע נשמות וואס גייען ארויף און אראפ פון הויכע קאמערין און פון דם קוואל
וואס גייט ארויס פון גאטס הויז פון דעם אויבערשטין גן עדן . און אז זיי זעהען ניט
ביי די לעבדיגע קיין נוטס וואס דרויף זאל קענען די וועלט בשטיין . זיינען זיי מתפלל
אויף די לעבדיגע . און איצונד אז מיר זיינען גיקומען פאר אונזער פאטער אין הימל .
ריפין מיר ניט אן ניט צו מיכאל וואס ער שוועבט איבער די וועלט מיט איין שוועב און
ניט צו גבריאל וואס ער שוועבט איבער די וועלט מיט צווייא שוועב . נייערט צוא דיא
רעכט פארטיגע פיר שפרעכער וואס זיינען גיוועזן אן גיקלייט מיט הויט און פלייש דס
זיינען די מתים און איצונד גייט ארויף צו גאט צו פאר געבין פאר אזעלכין וואס ער איז
אין פארכט און איז פר שעמט . און פון זייערע מעשים טובים שיינקען זיי צוא אזעלכין
וואס האט ניט . און זיין לייב בלייבט לעבין דורך זייער זכות דרום זיינען מיר איצונד

גישטע

ובפעלתם . בדבריהם ובתורתם . בתורתם זכו דורם .
כצאת השמש אורם. אורם מאיר לעולם . להגן ולהציל
בשבילם . ובשבילם העולם קים בתפלתם על החיים .
מתקימים בזכותם ובזכות ראשי בית אבותם . הניחו
יתרם לעולליהם . כדי להקרא שמם בהם . בהם אנו
בטוחים . ועליהם אנו נסמכים . נשענים אנו בהם בכל
שעה . רעה להעביר וטובות לקרב ולבטל דבר ורעב
וחרב . וחרב להשיבה אל תערה . ולהשיב מלחמות
המסטין אל תערה . שערה לישב בזקנים וזקנות
ולשכנם בנוה שאננות . שאננות ושלומים לחננם
בתפארת זקנים ובני בנים ולהשיב להם אונם . אונם
אם בטל ואבד סבוים . דחוים אל עמק שוה אל הר שוה
וברזל מחתכו . האש לא תהלך ארצה והברד והגשם
לא נתכו . נתכו דברינו עד כה נחנו שלוחי מצוה .

---

גיקומען אויף דער הייליגער ערד . פאר וויסט און בטריבט און גייען מיט נאנצקייט . אין הארץ טראכטין מיר און מיט אונזער מויל זאגין מיר ארויס און שרייען און טוען ריידין מיט די לעפצין און שאקלען מיט דעם קאפ . צו די גירעכטע דינערס וואס זיינען די גרונד פעסט פון דר וועלט און זיינען גלייך וויא מלאכים . ווי זיינען אלע ריינע נשמות אלע זיינען גיליבט און אלע אויס דער ווילט . וואס זייער גוף איז דא באגראבין . און גייען פון איין הייליג ארט זייער נאמען ווערט גילויבט אין שטאט מיט זייערע מעשים טובים און מיט זייער ריידין און מיט זייער תורת . מיט זייער תורה האבין זייא זייער דור קלאר גימאכט . זייער ליכטיקייט איז אזו קלאר ווי די זון בשעת זיא גייט ארויס . זייער ליכט טוט לייכטין אין דר וועלט דאס פון זייערט וועגין ווערט די וועלט בשיצט און באשירמעט און די וועלט שטייט אין זייער זכות ווען זיי בעטין פר דיא לעבעדיגע האבין זיי אקיום דורך זייער זכות און דורך דעם זכות פון די פרומע עלטערין . זיי האבין גילאזין זייער גוטס צו זייערע קינדר פון וועגין זייער נאמען זאל גירופין זיין אין זיי . אין זיי זיינען מיר פאר זיכערט און אויף זיי טוען מיר זיך אן לעהנען אלע צייט . דאס זיי זאלין בעטין אוועק נעמען אוועק און דאס גוטס ועט ווערין גינעהענט און צו פאר שטערין מארד און הונגער און שווערד דאס די שווערד זאל אום גיקערט ווערין אין איר שייד אריין . און די שטרייט פון דעם שטן ווידער צו קערין . און דאס דיא שטעט זאלין ווערין בזעצט מיט אלטע מאנען און ווייבער און מאכין זייא רוען אין גישטילטע וואונונג זייא לייט זעלינן מיט פריידין . מיט דעם שיינקייט פון אלטע לייט מיט זייערע קינדרס קינדר און

דיא

ולהמליץ תפלתנו קמה וגם נצבה . נצבה תפלתנו
כעולות מחים . להגן בעד רש ואיש תככים . תככים
ורעיונים על משכבו סליקו . למען שמיא עני ורש
יצדיקו . יצדיקו להאיש הלזה . בתוך חסידי עם זה . זה
האיש יבטל השם ממנו כל גזרות קשות . כלא יהון
חשיבין וכמלתא דלית בה ממשות . ממשות ברכות
אברהם יתן לו השם . יזקין בארץ גזעו ולא יחלה לו
הגושם : הגשם והשלג כאשר ירד מן השמים ושמה
לא ישוב . כן יהיו כל גזרי דינים רעים סרים ממנו כאשר
בדברי קדש כתוב : כתוב במקום גבורה של השם
יתברך ענותנותו . לומר במקום שמברך הצדיק שם
נותן הרע פדותו : וכן אמר לפרעה ושמתי פדות בין
עמי ובין עמך להראות שנפדה השה בחמור ועליו
שפכת זעמך : עשה למען כבודך : כבודך כן תראה

---

זיי ווידער קערין זייער קראפט אונ ווען זייער מאכט איז וואָרין פאר שטערט אונ זייער האפונג איז פאר לארין . אויף בערג אונ אויף טאלין . דאס פייער זאל ניט גיין אויף דער ערד אונ דער האגיל אונ שווערע רעגין זאל ניט גרייכין . אונזערע רייד גרייכין ביז אהער ווייל מיר זיינען גישיקט גיווארן איין מצוה צו טאן . אז מיר זאלין פיר שפרעכין אונזער גיבעט עס זאל בלייבין שטיין אונ ווערין אן גינומען די גיבעט אזו וויא דיא פעטע קרבנות . צו בשיצין פאר דעם ארימען אונ דעם בזארגטין מאן . זארג אונ גידנקן טוען אויף גיין אויף זיין בעטיל פון וועגין מען זאל פון דעם הימיל גירעכט מאכין דעם ארומאן . מען זאל גירעכט מאכין צו דעם דאזיגין מענטשין צווישין די פרומע פון דעם דאזיגין פאלק . דער דאזיגער מענטש זאל גאט פון אים מבטל זיין אלע בייזע גזירות . וויא זאלין אלע גירעכינט ווערין פאר נישט גליך וויא איין זאך וואס האט קיין קראפט ניט . די קראפט פון די ברכות פון אברהם אבינו זאל אים גאט געבין זיין צווייג זאל פר עלטערט ווערין אין דער ערד אונ זיין לייב זאל ניט ווערין גישוועכט . אזו וויא דער רעגין אונ דער שניי קומע' פון דעם הימיל אונ קערין זיך ניט אום צוריק אזו זאל ווערין פון אים אפ גיקערט אלע בייזע גזירות . אזו וויא עס שטייט גישריבין אין די רייד פון דיא הייליגע חכמים וואו גאט באווייזט זיין שטארקייט דארטין ווייזט ער אויך זיין דעמוטיקייט . דאס איז צו פאר שטיין וואו גאט בענטשט דעם צדיק דארטין גיט ער איין רשע פאר זיין אויס לייזונג . אזו אויך האט גאט גיזאגט צו פרעה איך וועל מכין אצווישן שייד אונ אויס לייזונג צווישין מיין פאלק אונ צווישין דיין פאלק צוא ווייזין אז דיא
ישראל

לאשר אנו מתפללים עליו גם את הטוב יקבל ואת הרע לא יקבל במעלליו. ויהי רצון לפני אבינו שבשמים. אל שדי מלא רחמים. שישמע תפלתנו ברחמיו הרבים. ויעשה את בקשתנו מה שאנו מבקשים מלפני כסא כבודו ולא נשוב ריקם מלפניו וישמור ויציל וינצור את (פלוני) אותו ואת זרעו ואת ביתו ואת כל אשר לו בקרב כל ישראל מכל דבר רע בעולם מנגע רע וממקרה רעה ומכל מיני פחד ורעד ורעש מיסורים רעים וקשים וממיתה משנה וממיתה מגנה ומכל סכנה בכל מקום הן ביום והן בלילה הן גדול הן קטן הן בגופו או בנפשו או במאדו ותן לו חנינה. ודעה ובינה. ורוח והצלה והצלחה. ושלום וטובה וברכה. ומה שלא נוכל לבקש ולהתפלל ולפרש יהי רצון כאלו פרטנו אותו בפרוש. על כל מיני הטובות שימהרו לבא עליו

---

ישראל וואס זיינען גיגליכין צו איין לעמיל זיינען אויס גילייזט גיווארין מיט דעם אייזיל דאס זיינען די מצרים און אויף אים האסטו פאר גאסין דיין צארין. טוא עס פון דיין כבוד וועגין דיין כבוד באווייז צוא דעם וואס מיר בעטין פאר אים. אויך דאס גוטס זאל ער פאר נעמען אבער דאס בייז זאל ער ניט פאר נעמען דורך זיינע ווערקין. און עס זאל זיין דער ווילין פאר אונזער פאטער אין הימיל אלמאכטיגר גאט וואס ער איז פול מיט רחמנות דאס ער זאל צו הערין אונזער תפלה מיט זיין פיל דער בארימקייט און זאל טאן אונזער גיבעט וואס מיר בעטין פון פאר זיין כסא הכבוד. און מיר זאלין ניט ווידער קערין ליידיג פון פאר אים. און ער זאל היטין און בשירמען און בווארינען דעם (פלוני בן פלוני) אים מיט אלע זיינע קינדער און מיט זיין הויז מיט אלימען וואס ער האט צווישין אלע ישראל פון אלע בייזע זאכין אין דער וועלט. פון בייזע פלאג און פון בייזע טרעפונג. און פון אלערלייא פארכט און ציטערנעם פון שלעכטע און שווערע יסורים און פון איין מיתה משונה און פון איין מיאוסין טויט. און פון אלע סכנות אין אלע ערטר סייא בייא טאג אדער בייא נאכט סייא גרויסע סכנות אדער קליינע. סייא אין זיין גוף אדער אין זיין נשמה אדער אין זיין גוטס. און גיב אים לייט זעליקייט און וויסין שאפט און פאר שטאנד און דער ווייטערנס און בשירמונג און הצלחה און שלום און גוטס און בענטשונג און וואס מיר קענען ניט בעטין און ארויס ריידין זאל זיין דער ווילין פון גאט גלייך וויא מיר האבין עס ארויס גירעט אויף אלערלייא גוטס זייא זאלין איילין צו קומען אויף אים דורך דיא רחמנות פון גאט וואס זייא זיינען פיל און אלע מענטשין

אלין

ברחמי השם המרבים וכל אדם יהיו בכלל הטובה וברכה החיים והשלום ויציל אותו וכל עמו ברחמיו הרבים מכל צרה וצוקה מכל נגע ומחלה וישלח ברכה והרוחה והצלחה וישמע קול תפלתנו ברחמיו הרבים ואל ישיבנו ריקם מלפניו כי אל מלך רחום וחנון הוא ואתם נשמות הטהורים אל תעצלו מהרבות תפלה ותחנונים בעד השואל חסד ורחמים וצריך חסד ורחמים וזכותכם וזכות כל צדיקי עולם יעמד לו ולכל בית ישראל אמן סלה :

ל ווען איינער מאכט איין שמחה · און פארכט זיך פאר איין עין הרע וויל ער תאט גרוים תצלחה זאל ער זאגין דיא דאזיגע תפלה :

צדיקי יסודי עולם ועמודיו · משרתי אל ועבדיו · יהי שלום מנוחתכם · באתי להתפלל פני מעלתכם ׀ מכחכם שחדו בעדי והמליצו · ילכו ולא ייעפו לא ייגעו כי ירוצו · לחלות ולחנן פני רחום וחנון · לפסוח ולהציל המלט וגנון · אותי ואת ביתי ואת זרעי ואת כל אשר לי · ויהיה שומרי וצלי ויסיר ממני כל חולי

---

זאלין זיין אין דעם כלל פון גוטס און בענטשונג און לעבין און פריד · און גאט זאל מציל זיין אים מיט אלע הויז גיזינד פון דיא ישראל מיט זיין רחמנות פון אלע לייד און איינגעשאפט פון אלע פלאג און קראנקהייט · און זאל ווי שיקין ברכה און הצלחה און דער ווייטערנעס · און זאל צו הערין דאס קול פון אונזער גיבעט מיט זיין פיל רחמנות · און זאל אונז ניט ווידער קערין ליידיג פון פאר אים דען ער איז איין דער בארמיגער גאט דער קניג און איר ריינע נשמות איר זאלט אייך ניט פוילין פון צו מערין גיבעט פאר דעם וואס פאר לאנגט גינאד און דער בארימקייט · און דארף נייטיג דאס גינאד און דער בארימקייט און אייער זכות און דער זכות פון אלע צדיקים פון דער וועלט זאל אים בייא שטיין און צוא אלע הויז גיזינד פון די ישראל אמן סלה :

צדיקי איר צדיקים וואס איר זייט די גרונד פעסט פון דער וועלט מיט זיינע זיילין · די דינערס פון גאט און זיינע קנעכט זאל זיין פריד אייער רוא · איך בין אהער גיקומן אייער הויכקייט צו בעטין דאס איר זאלט פון מיינט וועגין שוחד געבין פון רעם קרפט פון אייערע מעשים טובים און זייט מיינע פיר שפרעכער · איר זאלט גיין און ניט מיד ווערין · איר זאלט ניט מיד ווערין אז איר וועט לויפין צו בעטין פאר גאט וואס ער איז איין דער בארמיגער און איין לייט זעליגער דס ער זאל בשירמען און אנטרינן און בשיצין מיך מיט מיין הויז גיזינד מיט מיינע קינדער מיט אלימען וואס איך האב און ער זאל זיין מיין היטער · און זאל אפ טאן פון מיר אלע קראנקהייט און אלע עין הרע אזו וויא דיא זאכער

וכל עין הרע וכמים לים מכסים . וכדגים המכסים מראות ברע לא ישלוט בנו שום רע עין . רק יהיו כאפס וכאין . ולא ידבק בנו לא כלו ולא אפס קצהו . ויקים בנו מקרא שכתוב ארך ימים אשביעהו ובישועתי אראהו ואף שבני אדם דומים לעשבי השדה . הללו נובלין והללו נוצצים בערוגה . ועל הרוב אחר כל שבחת תוגה . יעש יי עמנו חסד למען רחמיך המרבים וירבה ויציץ ויפריח מזלנו וימהר טובות אחריתנו מראשיתנו וראשיתנו מאחריתנו . כסירות דוגה . וירים קרננו רק למעלה מאין הפוגה . ולא ינכה לנו דבר מזכיותינו אם יש לנו רק יעשה בזכות הנשמות הקדושות ובזכות אבותינו . וכבוד והדר יעטרנו . וכובע ישועה יחבשנו . ובגדי ישע ילבישנו . יחינו מיומים וביום השלישי יקימנו . ונאמר לפניו הנה זה אלהינו ולו קוינו . והוא עזרתנו וישועתנו . עד עולם סלה אמן :

לא דוען איינער וויל בעטין ער זאל האבין קינדער זאל ער זאגין דיא דאזיגע תפלה.

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי צור העולמים צדיק בכל הדורות למען שמך הגדול הנעלם מפסוק יי זכרנו יברך יברך

וואסער וואס דעקט צו דעם ים . און גלייך וויא דיא פיש וואס זיינען באדעקט פון צוא וועהען ביז אזו זאל ער אין אונז ניט שולט זיין קיין שום בייז אויג . נייערט זיי זאלין זיין צו נישט און קיין מאכט האבין און עס זאל זיך אן אונז ניט בהעפטין ניט גאר און ניט איין קליינע טייל דער פון און עס זאל אן אונז מקוים ווערין דער פסוק וואס שטייט געשריבין מיט לאנגע טעג וועל איך אים זאט מאכין און וועל אים ווייזין אין מיין הילף . און ווען שוין די מענטשין זיינען גלייך צו די גראז פון דעם פעלד . די דאזיגע גראז פאלט אראפ און דיא אנדערע שפראצין אין דער בייט . און דאס מיינסטע קומט נאך דיא פרייד איין טרויערקייט . זאל נאט מיט אונז טאן גינאד פון וועגין זיין פיל רחמנות און זאל מערין און מאכין שפראצין און בליען אונזער מזל און זאל איילין אונזער נוטס צום לעצטין מער אז צום ערשטין . און זאל דער הייבין אונזער מזל גאר הויך אן אויף הערונג און עס זאל אונז ניט גימינערט ווערין קיין שום זכות אויב מיר האבין אנדרע זכיות . נייערט ער זאל עס טאן אין דעם זכות פון די היילינע נשמות און אין דעם זכות פון אונזרע עלטערין. און כבוד און שיינקייט זאל אונז ארום רינגלען . איין היטיל פון הילף זאל ער אונז אן בינדין . און קליידער פון הילף זאל ער אונז בקליידין . און ער זאל אונז לאזין לעבין פון די צווייא טעג און אין דעם דריטין טאג זאל ער אונז מאכין אויף שטעלין מיינט מען פון די צווייא בתי מקדשים וואס זיינען חרוב גיווארין און זאל אונז אויף שטעלין צום דריטין בית המקדש און מיר זאלין זאגין פאר אים נון דער דאזיגער ביזט אונזער גאט און צוא אים האבין מיר גיהאפט . און ער איז אונזער הילף ביז אייביג אמן סלה :

את בית ישראל יברך את בית אהרן . שתתן לי זרע זכר רצוי והגון וטוב ויפה מתקן ומקבל וראוי להיות ולהתקים בלי שום עון ואשמה ותתן לי זרע אנשים ותברכני בשמך ותברך את ביתי בזכרך ואדע כי שלום אהלי ותשפיע בו נפש רוח ונשמה ממחצב טהור ותכונן כל הכנותיו כדי להשלימו ולקימו ולהעמידו בנוי בחן ובחסד וברחמים בקן הבריאות באומץ ובתוקף ובגבורה ותרחם עליו בהעשותו בהתרקמו אבריו ותציגהו על בוריו בנפשו ברוחו ובנשמתו בקרביו וביצוריו ולא יהיה באחד מאבריו לא נזק ולא חסרון לא נגע ולא חולי ולא יחסר לו כל טוב כל ימי חייו ויולד במזל טוב ובשעה טובה וברכה והצלחה ותברכני אותי ואת זרעי וזרע זרעי בכל דבר המשלים דעתנו ושכלנו והשגתנו לעשות רצונך . ותברכני בברכות שמים מעל ובברכות תהום רובצת תחת ברכות שדים ורחם . אנא יי צבאות אלהי ישראל יושב הכרובים תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני השקיפה ממעון קדשך עלי השקפה לטובה ונתת לי זרע אנשים משפע בנשמה קדושה ויהיה עוסק בתורה ומקים מצות בישראל

---

יהי רצון עס זאל זיין דער ווילין פאר דיר גאט מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערין.

דער בשעפער פון די וועלטין דער גירעכטער אין אלע גיריכד · פון וועגין דיין גרויסן נאמען וואס ער איז פאר הוילין אין דעם פסוק (יי זכרנו יברך) גאט זאל אונז גידיינקען און זאל בענטשין (יברך את בית ישראל) ער זאל בענטשין דאס הויז גיזינד פון די ישראל . ער זאל בענטשין דאס הויז גיזינד פון אהרן בעט איך דיך דאס דוא זאלסט מיר געבין איין זון וואס זאל זיין בוויליגט און זאל זיין רעכט פארטיג און גוט און שיין און זאל אן גינומען זיין . און זאל זיין ראוי צו לעבין און צו בשטיין אן איין שום זינד און שולד און גיב מיר אלייטעס קינד און זאלסט מיך בענטשין מיט דיין נאמען און זאלסט בענטשין מיין הויז גיזינד מיט דיין גידעכנעס און איך זאל וויסין אז אין מיין גיצעלט איז פריד. און זאלסט געבין אין דעם קינד איין נפש רוח און נשמה פון איין ריין און הייליג ארט · און ברייט אן אלע זיינע אן ברייטונג כדי ער זאל זיין גאנץ און באשטענדיג און אויף צו שטעלין דאס מיינט מען בשאפין מיט שיינקייט מיט חן און חסד מיט גיזונטקייט מיט שטארקייט און פעסטיקייט און זאלסט זיך איבער אים דער בארימען אין זיין בשאפין ווערין און אין צו נויף שטעלין פון זיינע גלידער . און זאלסט אים שטעלין אויף זיין קרפט מיט זיין נפש און רוח און נשמה און זיינע גידערים און זיין געמער און ער זאל ניט האבין אפילו אין איינעם פון זיינע גלידער קיין שאדין און קיין חסרון קיין פלאג און קיין קראנקהייט און ווייל ער וועט לעבין זאל ער אים ניט אפ מאן קיין גוטס און זאל גיבארין ווערין אין איין גוטין מזל און אין אגוטע צייט און ברכה און הצלחה · און זאלסט

ובברכות פיך תברכני ויבורך בית עבדך עם כל בית עמך ישראל לעולם · שמעה תפלתי יי לשועתי האזינה וקים כי כונת יצירתך האדם בעולמך כי לשבת אותה אתה בראתה ואתה יצרתה ונתת לי זרע אנשים קדוש וטהור בנשמה חדשה קדושה וטהורה מן החדר תבא מדבק בנשמות קדושי עליונים ואתם נשמות הקדושים אשר הייתם בעולם הזה חלו נא פני אל למלאות שאלתי לטובה בזכותכם ובזכות אשר אני מתאוה להעמיד בן זריז וממלא בתורה והגון לנביאות שמע קולי יי אלהים וקבל ברחמים וברצון את תפלתי בזכות הצדיקים הקדושים הנקברים פה ואל תשיבני ריקם מלפניך ותמלא שאלתי לטובה ואגדלנו ליראת השם כל הימים עד עולם הוא ובניו בקרב ישראל אמן ·

לב וויא איין טראגינדיגע פרויא זאל אויף זיך ועלבסט תפלה טאן אז איר ניזוינען זאל איר גרינג אן קומען :

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי שתקל מעלי את צער עבורי ותוסיף ותתן לי כח ואון בכל ימי העבור שלא יתש כחי ולא כח העבר בשום דבר בעולם ותציל אותי מפתקה של

---

בענטשין מיך מיט מיינע קינדער און מיינע אייניקלאך מיט אלע זאכין וואס מאכן גאנץ אונזער וויסין שאפט און אונזער שכל און אונזער פאר שטאנד צו טאן דיין ווילין · און זאלסט מיך בענטשין מיט די בענטשונג פון דעם הימיל פון אויבין און מיט די בענטשונג פון דעם אפ גרונד וואס ער איז אונטין און מיט די בענטשונג פון פאטער און מוטער : אנא איך בעט דיך גאט וואס ער הערשט איבער אלע הערשאפט דער גאט פון די ישראל וואס ער זיצט איבער די כרובים · לאזין דיינע אויערין פר נעמען צו דעם קול פון מיין גיבעט לזג פון דיין היילינע וואונונג אויף מיר צוא נוטין און זאלסט מיר געבין לייטעשע קינדער ער זאל האבין איין היילינע נשמה און זאל עוסק בתורה זיין און זל י"י מצות מקיים זיין צווישין די ישראל · און זלסט מיך בענטשין מיט דיא ברכות פון דיין מויל · און דאס הויז פון מיר דיין קנעכט מיט אלע הייזער פון די ישראל זאלין ווערין גיבענטשט אויף אייביג · הער צו גאט מיין גיבעט צו מיין גישרייא פר נעם און באשטעטיג אין מיר דיין כוונה פון דעם וואס דו האסט בשאפין דם מענטשין אויף דיין וועלט · דען דו האסט באשאפין זיא זאל ווערין באזעצט מיינט מען איטליכער מענטש זאל האבין קינדער ווערט די וועלט ווערין באזעצט און זאלסט מיר געבין איין לייטעם קינד איין היילינעם און ריין מיט איניע היילינע און ריינע נשמה וואס זיא זאל ארויס קומען פון דם חדר וואס איז בהעפט מיט אויבערסטע היילינע נשמות · און איר היילינע נשמות וואס איר זייט גיוועזן אויף דער דאזיגער וועלט · בעט איך אייך בעט איר גאט ער זאל דער פילין מיין גיבעט צו נוטין פון וועגין אייער זכות און פון וועגין דעם זכור

יאם

**חוה ומקללת הרבה ארבה עצבונך והרונך בעצב תלדי בנים · ויהי בעת לדתי כי ימלאו ימי ללדת לא יהפכו עלי צירי ויצא הולד לאור העולם ברגע קטן בקלות בלי שום היזק לי ולא לולד ויהיה נולד בשעה טובה ובמזל טוב לחיים ולשלום ולבריאות לחן ולחסד לעשר וכבוד ויקים בי מקרא שכתוב לא תהיה משכלה ועקרה בארצך את מספר ימיך אמלא ואני ובעלי נגדלהו לעבודתך ולתורתך הקדושה ולחיים טובים ולשלום ועשר וכבוד ומנוחה ולא נהיה אני ולא העובר נזוקים לא בגוף ולא באברים ולא בעורקים ולא בגידים ולא בעור ובשר ושאר כל בנין בני אדם לא בתוך חלול הגוף ולא חוץ לחלול הגוף ותחזק את כחי ורוחי ועצמותי כמו שנאמר רפאות תהי לשרך**

---

וואס איך גילוסט צו האבין איין זון וואס ער זאל זיין איין זריז און דער פילט מיט תורה און זאל ווערט זיין צו נביאות . הער צו מיין קול גאט דער הער און פאר נעם מיט דער בארימקייט און מיט ווילין מיין גיבעט פון וועגין דעם זכות די היילינע צדיקים וואס זיינן דא בגראבין · און זאלסט מיך ניט ווידער קערין ליידיג פון פאר דיר · און זאלסט דעו פילן מיין גיבעט צו נוטין · און זאל אים דער ציהען צוא גאטס פארכט אלע טעג ביז

איביג ער מיט זיינע קינדער צווישין די ישראל אמן :

יהי רצון עס זאל זיין אווילין פאר דיר גאט מיין גאט און דער גאט פון מיינע עלטערין

דאס דו זאלסט מיר גרינגער מאכין דעם צער פון מיין טראגין · און זלסט מיר געבין כח און קראפט אין אלע טעג פון מיין טראגין . דאס מיין קראפט און דאס קראפט פון מיין קינד וואס איך טראג זאל ניט ווערין שלאף אין קיין שום זאך אין דער וועלט · זאלסט מיך מציל זיין פון דער שטראף פון חוה. און פון דער קללה וואס גאט האט איר גיזאגט איך וועל מערין דיין שמערצין און דיין טראגין · מיט טרויערקייט וועסטו גיווינן קינדער · און בשעת עס וועט קומען מיין צייט פון גיווינען זאלין מיינע אנגלען ניט פאר קערט ווערין אין מיר און דאס קינד זאל ארויס גיין אויף דער וועלט גרינג אין איין אויגין בליקען איין שום שאדין צו מיר און ניט צום קינד און ער זאל גיבארין ווערין אין אגוטע שעה און איין גוט מזל לחיים ולשלום און צו גיזונד צו חן און חסד צו עושר און כבוד און עס זאל מקוים ווערין אין מיר דער פסוק (לא תהיה משכלה ועקרה בארצך) עס וועט ניט זיין קיין פאר ווארפערין און איין אום טראכטערין אין דיין לאנד · דיא צאל פון דיינע טעג וועל איך דער פילין און איך מיט מיין מאן זאלין מיר אים אויף ציהן צו דיין דינסט און צו דיין היילינע תורה און צו חיים טובים און שלום און עושר און כבוד און רוא און איך מיט דעם קינד זאלין ניט גישעדיגט ווערין ניט אין דעם גוף און ניט אין די גלידער און ניט אין די אדערין און ניט אין דער הויט און אין דעם פלייש אדער אין גאנצין גישטאלט פון איין מענטש ניט אין דעם איגווייניגסטע פון דעם גוף און ניט פון ידויסין אויף דעם גוף · און זאלסט שטארקין מיין קראפט און מיין אטעם און מיינע בייני

ושקוי לעצמותיך כי לך יי הוחלתי אתה תענה יי אלהי: ואני ביי אעלוזה אגילה באלהי ישעי רצה יי להצילני יי לעזרתי חושה. חושה לעזרתי אדני תשועתי: לישועתך קויתי יי. שמע יי קולי חנני ועננני עשה למען אבותינו הקדושים ולמען זכותם וצדקתם ולמען תורתם ומעשיהם הטובים של שוכני עפר הממונים פה ובכל העולם תזכור אהבתם ותחיה זרעם ותציל אותם ממות וממשכלת ומכל חולי ומדוה ותברכני כאשר הבטחתנו בתורתך הקדושה על ידי משה עבדך מפי כבודך כאמור ואהבך וברכך והרבך וברך פרי בטנך ופרי אדמתך דגנך ותירושך ויצהרך שגר אלפיך ועשתרות צאנך על האדמה אשר נשבע לאבותיך לתת לך. ברוך תהיה מכל העמים לא יהיה בך עקר ועקרה ובבהמתך כן תברכני ותענני ותחנני ותאריך ימי בנעימים כאמור ארך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי אמן:

---

אזו וויא עס שטייט געשריבין עס וועט זיין איין היילונג צוא דיין נאפיל און איין מארך צו דיינע ביינער דען צו דיר גאט טוא איך האפין דו וועסט מיר ענטפערין גאט מיין גאט און איך וועל זיך פרייען אין גאט. איך וועל זיך פרייען אין דעם גאט וואס ער איז מיין הילף באוויליג דיך גאט מיר צו באשירמען. גאט אייל צו מיין הילף. אייל צוא מיין הילף גאט וואס דו ביסט מיין העלפער. צו דיין הילף טוא איך האפין גאט הער צוא גאט מיין קול לייט זעליג מיך און ענטפער מיר טוא פון וועגין אונזערע עלטערין די היילינע און פון וועגין זייער זכות און זייער צדקות און פון וועגין זייער תורה און מעשים טובים פון די וואס וואונען אין דער ערד וואס זיינען בהאלטין דא און אויף גאר דר וועלט זאלסטו גידיינקען זייער ליבשאפט און זאלסט לאזן לעבין זייערע קינדער און זאלסט זייא באשירמען פון טויט און פון פאר ווארפונג און פון אלערליי קראנקהייט און ווייטאג אן זאלסט מיך בענטשין אזו וויא דוא האסט אונז צוא גיזאגט אין דיין היילינע תורה דורך דיין קנעכט משה פון דיין הערליך מויל אזו וויא עס איז גיזאגט גיווארין אין דער תורה ואהבך וגו׳ און איך וועל דיך ליב האבין און וועל דיך בענטשין און וועל דיך מערין. און וועל בענטשין דיא פרוכט פון דיין בויך און דיא פרוכט פון דיין ערד דיין קארין און דיין וויין. און דיין איילבערט דיא ווארפונג פון דיינע רינדער און די הערדין פון דיינע שאף אויף דער ערד וואס ער האט גישווארין צו דיינע עלטערין דיר זיא צו געבין. דו וועסט זיין גיבענטשט. עס וועט ניט זיין אין דיר קיין אומטראכטער און קיין אום טראכטערין און אויך ניט אין דיינע בהמות אזו זאלסטו מיך אויך בענטשין און זאלסט מיר ענטפערין און מיך לייט זעליגן און זאלסט דער לייננערין מיינע טעג מיט זיסקייט אזו וויא עס ווערט גיזאגט אין תהלים. מיט לאנגע טעג וועל איך אים זעטין און וועל אים לאזין זעהען אין מיין הילף אמן:

לג ווי מען זאל תְּפִלָּה טאָן אויף דעם בית עלמין פון איין טראָגענדיגע פרויא וועגין:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אֱלֹהֵי יִצְחָק וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב שֶׁתּוֹשִׁיעַ בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים אֶת הָאִשָּׁה (פלונית) מִצַּעַר עִבּוּרָהּ. וְתוֹסִיף וְתִתֵּן כֹּחַ וּגְבוּרָה. לָהּ וּלְעֻבָּרָהּ וְיִהְיֶה כֹּחָם גּוֹבֵר שֶׁלֹּא תַפִּיל הָעֻבָּר וְתִהְיֶה תָּמִיד בִּבְרִיאוּת וְחַיִּים וְשָׁלוֹם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם. וְיִהְיֶה הַוָּלָד שָׁלֵם בְּגוּפוֹ וּבְכָל אֵבָרָיו וְיַשְׂכִּיל וְיַצְלִיחַ בְּכָל דְּרָכָיו. וְתֵלֵד בִּנְקֵל כְּתַרְנְגוֹלֶת: וְתִהְיֶה פּוֹרִיָּה כַּגֶּפֶן הַמּוֹלֶדֶת וְשִׁפְרִיָּה כְּשׁוֹשַׁנָּה וְכַחֲבַצֶּלֶת. וְרֵיחוֹ כְּמוֹר וַאֲהָלוֹת. וְיִוָּלֵד בְּמַזָּל טוֹב וּבְשָׁעָה טוֹבָה וִיחִי עוֹד לָנֶצַח בְּנַחַת וְשׁוּבָה. וּמוֹלִידָיו יְגַדְּלוּהוּ לְתוֹרָה וּלְחֻפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים וְלֹא יִמָּצְאוּ בּוֹ חוֹבִים: וִיקֻיַּם בּוֹ דָּבָר הָאָמוּר כִּי הֶהָרִים יָמוּשׁוּ וְהַגְּבָעוֹת תְּמוּטֶינָה וְחַסְדִּי מֵאִתֵּךְ לֹא יָמוּשׁ וּבְרִית שְׁלוֹמִי לֹא תָמוּט אָמַר מְרַחֲמֵךְ יְיָ: וְנֶאֱמַר לֹא תְאֻנֶּה אֵלֶיךָ רָעָה וְנֶגַע לֹא יִקְרַב בְּאָהֳלֶךָ. כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ: עַל כַּפַּיִם יִשָּׂאוּנְךָ פֶּן תִּגֹּף בָּאֶבֶן רַגְלֶךָ: וְנֶאֱמַר אַל יִתֵּן לַמּוֹט רַגְלֶךָ אַל יָנוּם שֹׁמְרֶךָ: הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא

---

יְהִי רָצוֹן עס זאל זיין אַוויעלען פאַר דיר גאָט אונזער גאָט און דר גאָט פון אונזערע עלטרין דר גאָט פון אברהם יצחק ויעקב. דו זאלסט העלפין מיט דיין פיל דר בארימקייט די אשה (פלונית בת פלונית) פון דעם צער פון איר טראָגין. און זאלסט מערין און געבין כח און שטארקייט צו איר און צו איר קינד. און זייער קראַפט זאל זיך שטארקין דאס זיא זאל ניט מפיל זיין איר ולד און זאל תמיד זיין מיט געזונד און חיים און שלום פון איצונד ביז אייביג. און דאס קינד זאל זיין גאַנץ אין זיין גוף און אין אַלע זיינע גלידר. און זאל גליקען און מצליח זיין מיט אַלע זיינע זאכין. און זיא זאל געווינען גרינג וויא איין הון. און זיא זאל זיין פרוכטיג אזו וויא איין פרוכטיגר וויין שטאָק און זיין שיינקייט זאל זיין אזו וויא איין רויז. און זיין געשמאַק זאל זיין אזו וויא געווירץ און בשמים. און זאל געבארין ווערין אין איין גוטין מזל. און אין איין גוטע שעה און זאל לעבין ביז אייביג מיט רוא. און זיינע געווינער זאלין אים מגדל זיין צו תורה און חופה און מעשים טובים. עס זאל אין אים ניט ווערין געפונען קיין זינד. און עס זאל אין אים מקוים ווערין דיא זאך וואס איז וואָרין געזאגט כי ההרים ימושו דען די בערג וועלין ווערין אפ געטאָן און די הויכע בערג וועלין ווערין איין געבויגין אָבער מיין גענאַד וועט ניט אפ געטאָן ווערין פון דיר און מיין זיכערהייט פון פריד וועט ניט גענייגט ווערין אזו האט געזאגט גאָט דיין דר בארעמער. און נאך איז וואָרין געזאגט אין תהלים עס וועט ניט טרעפין צוא דיר קיין בייז און קיין פלאג וועט ניט גענעהען אין דיין געצעלט. דען זיינע מלאכים וועט ער געביטין פון דיינט וועגין זיי זאלין דיך היטען אין אלע דיינע וועגין אויף די הענד וועלן זיי דיך טראָגין דאס טאמער וועט ווערין צו שטויסין דיינע פיס אן אשטיין. און נאך

שערם

יישן שומר ישראל: יי שומרך יי צלך על יד ימינך: יומם השמש לא יככה וירח בלילה: יי ישמרך מכל רע ישמור את נפשך: יי ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם: ויהי רצון לפני אבינו שבשמים לשמוע בקולנו לעשות בקשתנו למען אבותינו הקדושים ולמען שוכני עפר אשר עונם מכפר. ועשו מעשים טובים בחייהם. והניחו יתרם לעולליהם. זכותם וזכות כל צדיקי וחסידי עולם. יעמדו להאשה הזאת כלם. ותמלא כל משאלותינו במדה טובה ישועה ורחמים. בקרב כל ישראל הצריכים רחמים. ואל תשיבני ריקם מלפניך. אמן:

לד וויא מען זאל מתפלל זיין אויף קברי אבות פון וועגן איין טראגינדיגע פרוי דיא שווער צוא קינד גייט:

האל המלך הגדול הגבור והנורא. העונה לעתות בצרה. הוא יקבל תפלתנו ותפלת כל עמו בית ישראל ברחמים וברצון. ובתוכם ובכללם יזכור ויפקוד לטובה ולרחמים לאשה עצורה. וצרה כמבכירה. ולבה עצורה. תחיל ותזעק בחבליה וציריה. היא האשה (פלונית

ווערט גיזאגט ער וועט ניט לאזין אוים גליטשין דיינע פים נון ער טוט ניט דרעמלען און ניט שלאפין דר היטער פון דיא ישראל גאט איז דיין היטער גאט איז דיין שאטין אויף דיין רעכטע האנט. ביי טאג וועט די זון דיך ניט שלאגין מיט איר היץ. און די לבנה ביא נאכט. גאט וועט דיך היטין פון אלעם בייזין ער וועט היטין דיין לייב גאט וועט היטין דיין אוים גיין און איין גיין פון איצונד ביז אייביג און עס זאל זיין דער ווילין פון אונזער פאטער אין הימיל ער זאל צו הערין אונזער קול און טאן אונזער גיבעט פון וועגן אונזערע עלטערין די הייליגע און פון וועגין די טויטע וואס וואוגען אין דער ערד וואס זייער זינד איז שוין ווארין פאר געבין. און האבין גיטאן ביי זייער לעבין מעשים טובים. און האבין נאך איבער גילאזין זייער גוטס צוא זייערע קינדער. זייער זכות און דער זכות פון אלע צדיקים און חסידים פון דר וועלט. זאלין אלע ביי שטיין צו דער פרויא. און זאלסט דער פילין אלע אונזערע גיבעט מיט אגוטע מדת און הילף און רחמנות. צווישין אלע ישראל וואס דארפין דער בארימקייט. און זאלסט מיך ניט ווידער קערין ליידיג פון פאר דיר אמן:

האל דער גאט דער גרויסער דער שטארקער און דר פארכטיגער. וואס ענטפערט אין דער צייט פון לייד. דער זאל מקבל זיין אונזער גיבעט און דאס גיבעט פון גאר זיין פאלק ישראל מיט דר בארימקייט און מיט ווילין. און צווישין זיי אין זייער כלל זאל ער גידיינקען און באפעלין צו נוטין און צוא דער בארימקייט צוא דער אשה וואס איז אויף גיהאלטין. און איז אין לייד און איר הארץ איז פאר שלאסין וויא טוט ווייטאגן

(פלונית אשת פלוני) היושבת על המשבר שברה על יי אלהינו הוא יראה צרתה ודמעתה . ויעתר לעתירתה . ותעלה לרצון תפלתה . הוא ברחמיו ימלטה . הוא ברחמיו יחלצה . על כן הבריאות החיים והשלום ישיב אותה . לאיתנה הראשון יושיבה . רפאות תהי לשרה ושקוי לעצמותיה : מלך מלכי המלכים ששמע וענה תפלות האמהות הקדושות והטהורות שהיו בטבען עקרות . והפך ושנה את מערכותן לטובה והשגיח עליהן במדת רחמים אשר כמני ים ארוכה ורחבה . והיו מאתו נפקדות ונזכרות בזרע אנשים . הוא יזכור ויפקוד לטובה לחן ולחסד ולרחמים לחיים ולשלום האשה (פלונית) היושבת על המשבר להניח לה מרגזה הקשה ומעצבונה . ולא תוסיף עוד לדאבה . ויפתח את רחמה יצא הולד לחיים ולשלום במזל טוב ובשעה טובה בלי שום נזק וצער לא לה ולא לולד . ויוסיף ויתן לה כח

---

און טוט שרייען אין אירע ווייטאג און אירע אנגלען . דס איז די אשה פלונית בת פלונית ווייב פון פלוני וואס זיא זיצט אויף דעם כראך שטול . איר האפונג איז אויף גאט אונזער גאט . ער זאל זעהען אירע צרות און אירע טרערין און זאל ענטפערין צוא איר געבעט און עס זאל אויף גיין איר תפלה צו ווילין . ער זאל זיא מאכין אנטרינען מיט זיין רחמנות . ער זאל איר ארויס העלפין מיט זיין רחמנות און זאל איר ווידער געבין איר ערשטע קראפט און געזונטקייט און לעבין און פריד . איין היילונג זאל זיין צו איר פלייש און איין מארך צוא אירע ביינער . דר קעניג איבער אלע קעניגען וואס ער האט צו געהערט און געענטפערט צו די געבעט פון די היילינגע און ריינע אמהות וואס זייא זיינען געוועזן אין זייער נאטור אומטראכטיגע . האט ער פאר קערט און האט פאר ענדערט זייער מערכה צו גוטין . און האט אויף זייא משגיח געוועזן מיט דער מדה פון רחמנות וואס די מדה איז לייננער און ברייטער פון דעם ים . און זייא זיינען פון אים באדאכט געווארין מיט לייטעשע קינדער . דער גאט זאל געדיינקען צוא גוטין און צו חן און חסד און רחמים און חיים און שלום דיא דאזיגע אשה פלונית בת פלונית וואס זיא זיצט אויף דר כראך שטול דאס זיא צו מאכין רוען פון איר ציטערנס און איר טרויערקייט און זיא זאל ניט מערין טרויעריג זיין . און זאל עפענען איר טראכט דאס קינד זאל ארויס גיין לחיים ולשלום אין איין גוטין מזל און אגוטע שעה אן איין שום צער און שאדין ניט צוא איר אונ ניט צום קינד . און זאל מערין און געבין איר כח און קראפט

ואון ובריאות בלי שום צער ומכאובים כי עיניה לך תלויות לבד ולך היא צופיה ועיניה לך מיחלות כעיני עבדים אל יד אדוניהם. כעיני שפחה אל יד גברתה עד שתחננה ותוציא אותה מצרה לרוחה קומי אורי כי בא אורך וכבוד יי עליך זרח. ונאמר ויצעק משה אל יי לאמר אל נא רפא נא לה. ונאמר ג״פ וירדו כל עבדיך אלה אלי והשתחוו לי לאמר צא אתה וכל העם אשר ברגליך ואחרי כן אצא ויצא ע״כ. לא תהיה משכלה ועקרה בארצך את מספר ימיך אמלא. מלך מלכי המלכים יאיר בחמלתו עליה ככתוב קומי אורי כי בא אורך וכבוד יי עליך זרח. ותגזר אמר ויקם לך ועל דרכיך נגה אור. מלך מלכי המלכים יבטל ממנה כל גזרות קשות ורעות וירפא את תחלואיה ואת מכותיה ואת מכאוביה ויכפר את חטאתיה ויחדש כנשר

---

און גיזונטקייט אן איין שום צער און ווייטאג. ווארום אירע אויגן היינגען צו דיר אליין. און צו דיר האפט זיא. און אירע אויגן טוען האפין אזו וויא די אויגין פון די קנעכט צו דר האנט פון זייערע הערין. אזו וויא די אויגין פון איין דינסט צו דער האנט פון איר הארינטע ביז דו ואלסט זיך איבר איר דר בארימען און ואלסט איר אויס ציהען פון לייד צו דער ווייטערונג. שטייא אויף און לייכט דען דיין ליכט איז גיקומען און דער כבוד פון גאט וועט אויף דיר שיינען. און אויך שטייט גישריבין אין דער תורה דאס משה רבינו האט גיבעטין גאט פאר זיין שוועסטר מרים אזוא צו זאגין איך בעט דיך גאט היל זיא. און נאך ווערט גיזאגט ג״פ און דיא דאזיגע אלע דיינע קנעכט וועלין נידערין צוא מיר און וועלין זיך צו מיר בוקין אזו צו זאגין גייא ארויס דו מיט גאר דעם פאלק וואס ביי דיר איז און דר נאך וועל איך ארויס גיין. און ער איז ארויס גגאנגען (עד כאן). עס וועט ניט זיין קיין פאר נארפעררין און קיין אומטראכטערין אין דיין לאנד. די צאל פון דיינע טעג וועל איך דר פילין. קיניג איבער אלע קיניגין ער זאל מאכין לייכטין אויף איר מיט זיין דער בארימקייט אזו וויא עס שטייט גישריבין שטייא אויף און לייכט דען עס איז גיקומען דיין ליכט און דער כבוד פון גאט האט גיטאן שיינען אויף דיר. און ווען דוא וועסט עפעס גוזר זיין וועט עס דיר האבין אקיום. און אויף דיינע וועגין טוט לייכטין איין ליכט. קיניג איבער אלע קיניגין ער זאל מבטל זיין פון איר אלע שווערע און בייזע גזירות. און זאל היילין איר קראנקהייט און אירע שלעק און איר ווייטאג. און זאל פאר געבין אירע זינד און זאל באנייען איר יוגינט וויא איין אדלר אזו וויא עס שטייט גישריבין כה אמר ה׳ אזוא האט גאט גיזאגט דער גאט וואס האט זיא

נעורה כבתוב כה אמר יי עושה יי יוצר אותה להכינה יי שמו . בשצף קצף הסתרתי פני רגע ממך ובחסד עולם רחמתיך אמר גואלך יי . מלך מלכי המלכים ברחמיו יפתח לה שערי אורה . שערי ארוכה . שערי ברכה . שערי גילה . שערי דיצה . שערי הרוחה . שערי ועד טוב . שערי זכיות . שערי חיים טובים . שערי טובה שערי ישועה . שערי כפרה . שערי לב שמח . שערי מחילה . שערי נחמה . שערי סליחה . שערי עזרה . שערי פדות . שערי צדקה . שערי קוממיות . שערי רפואה . שערי שמחה . שערי תשועה . כדכתיב ותשועת צדיקים מיי מעוזם בעת צרה ויעזרם יי ויפלטם: מלך מלכי המלכים יפתח את רחמה ויתן לה עת ללדת במהירות ובקלות בלי שום צער . ויתן לה בריאות וארך ימים ושנים . מי שענה לשרה הוא יענה . מי שענה לרבקה כאשר הלכה לדרוש את יי הוא יענה . מי שענה לרחל כאשר ילדה את יוסף

---

גימאכט אונ באשאפין זיא אן גבריית צו מאכין גאט איז זיין נאמען . מיט ווייניג צארין האב איך פאר בארגין מיין פנים פון דיר איין רגע . אונ מיט אייביגע גינאד האב איך דיך דר בארימט אזו זאגט דיין אויס לייזער גאט דר וואס הערשט איבער אלע שארן . דר קיניג איבער אלע קיניגין זאל איר עפענען די טויערין פון ליכט די טויערין פון ברכה די טויערין פון פרייד די טויערין פון דער ווייטערונג . די טויערין פון גוטע פאר זאמלונג די טויערין פון זכיות די טויערין פון חיים טובים דיא טויערין פון גוטס . די טויערין פון הילף די טויערין פון פאר געבונג . די טויערין פון אפרייליך הארץ דיא טויערין פון פאר געבונג די טויערין פון טרייסטונג . די טויערין פון סליחה דיא טויערין פון הילף . דיא טויערין פון אויס לייזונג די טויערין פון אויף ריכטונג . די טויערין פון רפואה די טויערן פון שמחה די טויערין פון הילף אזו וויא עס שטייט גישריבין אונ די הילף פון צדיקים אין דר צייט פון לייד איז פון גאט . אונ גאט טוט זיי העלפין אונ מאכט זייא אנטרינען . דר קיניג איבער אלע קיניגין זאל עפינען איר טראכט אונ זאל איר געבין די צייט צוא גיווינען גיך אונ גרינג אן צער . אונ זאל איר געבין גיזונט אונ לאנגע יאר אונ טעג . דר גאט וואס האט גיענטפערט צו שרה דר זאל איר ענטפערין . דר וואס האט געענטפרט צו רבקה בשעת זיא איז גיגאנגען פארשטן גאט דר זאל איר ענטפערין . דר וואס האט גיענטפערט

הוא יעננה. מי שענה ופקד לכל העקרות והיולדות הוא יעננה. מי שענה לחנה כאשר ילדה את שמואל הוא יעננה. ויוציאה ויצילה מפתקה של חוה ומכל בדקי ודבקי מיתה וישלח לה רפואה שלמה בזכות כל הצדיקים והחסידים וצדקניות ונשמות הטהורים אשר פה נגנזים ויסיר ממנה כל סכנה וכל תקלה. השתא בעגלא אמן:

**לח** ווִיא מען זאל מתפלל זיין פון איין יולדת װעגן ׃

הרופא חולים ומרנן לב אמללים. להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים הוא יתמלא רחמין טבין עלינו ועל כל עמו בית ישראל ובכללם יזכור ויפקוד ויחמול ויחון וירחם ויושיע וירפא ויעודד את היולדת האשה עצובת רוח החולנית השוכבת על ערש דוי מרת (פלונית) השואלת מעם יי׳ אלהיה צדקה וחן וחסד ומרפא וארוכה וחיים ושלום. מלך מלכי המלכים הוא ברחמיו ובחסדיו יחלצה ויפלטה וימלטה ויצילה על כן

---

גיענטפערט צו רחל בשעת זיא האט געוואונען יוסף דער זאל איר ענטפערן. דר נאט וואס האט גיענטפערט און גידאכט צו אלע עקרות און גיווינערינס זאל איר ענטפערן. דר וואס האט גיענטפערט צו חנה בשעת זיא האט געוואונען צו דעם שמואל דר זאל איר ענטפערן און זאל זיא ארויס העלפין און באשירמען זיא פון די קללה פון חוה און פון אלע בזוכונג און בהעפטונג פון טויט. און זאל איר שיקן איין רפואה שלמה פון וועגין דעם זכות פון אלע צדיקים און חסידים און צדקניות און ריינע נשמות וואס זיינן דא בהאלטן און זאל אפ טאן פון איר אלע סכנות און אלע שטרויכלונג באלד אין אקורצע צייט אמן׃

הרופא דער וואס היילט די קראנקע און מאכט זינגען דאס הארץ פון די פר שניטענע. צו מאכין דער קוויקין דאס גימיט פון די נידעריגע און דאס הארץ פון דיא פאר שטויסינע דער זאל זיך דער פילין מיט גוט דער בארימקייט איבער אונז און איבער גאר זיין פאלק ישראל. און אין זייער כלל זאל ער גידיינקען און זיך דער בארימען און העלפין און זאל היילין און זאל שטארקין די גיווינערין די פרויא וואס איז טרויעריג אין גימיט. די קראנקע וואס זיא ליגט אויף דעם קראנקין בעט מרת פלונית וואס זיא בעט פון גאט איר גאט צדקה און חן און חסד און היילונג און לעבין און פריד דער קינג איבער אלע קיניגין ער מיט זיין רחמנות און מיט זיין גינאד זאל זיא אויס ציהען און אנטרינען און

הבריאות והחיים והשלום . רפאות תהי לשרה ושקוי לעצמותיה . ויסיר ממנה כל חלים רעים ויבטל ממנה כל גזרות קשות ורעות וירפא אותה מתחלואיה ומכל מכאוביה ויסלח כל עונה ככתוב הסולח לכל עוניכי הרופא לכל תחלואיכי ויוסיף ימים על ימיה ושנים על שנותיה ככתוב כי ארך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך . וזכות כל הצדיקים והחסידים שוכני עפר השוכנים פה וזכות תורתם ומעשיהם הטובים יעמוד לה עם זכות כל צדיקי וחסידי עולם אמן :

לו וויא מען זאל תפלה טאן אויף דעם בית עלמין פון קראנקע קינדער ווענן זאל מען דאס זאגין

רבון כל העולמים אשר יצר וברא את האדם . מבשר ודמים . וצרפו מיסודות ארבעה להיותם תמיד על קו ומתג השוה רבועה . ויחדו יהיו תמים . אש ועפר רוח ומים . ואילו האחד שיפול ואין שני להקימו . אך בשרו עליו יכאב ודמו . ומפי עליון לא תצא טוב ורעות . כי אם אולת אדם תסלף דרכו לשנות

---

זאל זיא שטעלן אויף איר גיזונטקייט צו לעבין און פריד . איין היילונג זל זיין צו איר פלייש און מארך צו אירע ביינער . און זאל פון איר אפ טאן אלע בייזע קראנקייט . און זאל פון איר מבטל זיין אלע שווערע און בייזע גזירות . און זאל זיא היילין פון איר קראנקייט און פון איר אלע ווייטאג און זאל פאר געבין אלע אירע זינד אזו וויא עס שטייט גישריבן ער טוט פאר געבין צו אלע אייערע זינד ער טוט היילין צו אלע קראנקהייט . און ער זאל מערין נאך טעג אויף אירע טעג . און יארין אויף אירע יארין אזו וויא עס שטייט גישריבין דען לאנגע טעג און יארין פון לעבין וועט מען דיר נאך מערין . און דער זכות פון אלע צדיקים און חסידים וואס רוען דא און דער זכות פון זייער תורה און מעשים טובים זאל איר ביי שטיין מיט דעם זכות פון אלע צדיקים און חסידים פון דער וועלט אמן :

רבון כל העולמים . הער איבער אלע וועלטין וואס ער האט גיפורמט און בשאפין דעם מענטשין פון בלוט און פלייש און האט אים צוא זאמען גישטעלט פון פיר יסודות דאס זייא זאלין אלע צייט בלייבין אין איין גלייכער מאס . און זאלין מיט אנאנדער זיין פאר איינינט . און דאס זיינען דיא פיר יסודות . פייער און ערד ווינט און וואסער . אבער אזו באלד אז איינער פון די יסודות מאנגילט אזו פילט עס דער מענטש תיכף און קרינט וויא טאג אין זיין פלייש און בלוט . און פון דעם אויבערשטין גייט ניט ארויס קיין נוטס און בייז . גייערט דאס נארישקייט פון דעם מענטשין טוט פאר קריפען זיין וועג צו פאר ערגערין זיין גאמור דאס טייגט מען ווען דער מענטש זינדיגט און גייט אין

שלעבטין

הטבעות . כי מעשה אנוש ותחבלותיו מזמה . וכעסתו צרתו גם כעס בעבור הרעמה . ואמנם הילדים הקטנים רבי השנים . אלו הן הלוקים . בחטאת עבדיך מכים . ובעונות אבותם חלילה ימקו . ועדו עליהו כל הנהו הרפתקו . או בגזרת שמים . להיות בעולם הזה חיים . למלאת מספר ימיהם . אשר נגזר עליהם . או מחסדי השם על בוראיו . ליסרו בדבר שמשך עליו געגועיו . והרגלו קחם על ראשו ועל כרעיו . בו מיסרו כמו לעשיר בשורו . ואלמנה בתרנגלתה ויתום בביצתו . למען עשה כיום הזה להחיותו . ופעמים הוא מיסורין של אהבה . כי נגעים ובנים אינם באים בכל פעם על חובה . או אחת משאר סבות . שאינן משגים ללבות . אך ידעתי כי בית דינו הצדק . ידונו כל דבר היטב הדק . ואין לפניו עולה . הן על אשר משמח במיני זמר וקל טבלא . או לאשר יכאב וימחץ . על פועל ומעללים ודבר שחץ . וצדיק הוא על כל הבא . ולנו הוא הסבה . אמנם ידינו פרושות . ועומדים תחת השמים שדופות . רוח קדים חרישית . בלב מר ועכור . למען זכות אבות לבנים

---

שלעבטין וועג ווערט פאר ענדערט זיין נאטור און עס הויבט אן מאנגלען איין יסוד פון דיא פיר יסודות און ער ווערט קראנק . דען דיא ווערקין פון דעם מענטשין און זיינע מחשבות זיינען צו בייזין און דורך דעם טוט ער נאט דער צארינען . אבער די קליינע קינדער וואס זיינען אלט נאך ווייניג יארין . די דאזיגע ווערין נישלאגין איבער די זינד פון זייערע עלטערין סוזין זייא חלילה פאר גיין און איבער זייא גייט איבער דיא קינדער די אלע טרעפונג אדער ווען גאט וויל איז ער גוזר זיי זאלין לעבין אויף דער וועלט צו דער פילין דיא צאל פון זייערע טעג וויא פיל עס איז אויף זיי נגזר גיווארין אדער ווען גאט וויל טאן חסד מיט זיינע באשעפינעס ער זאל אפ קומען פאר זיינע זינד שטראפט ער אים מיט אזו איין זאך וואס ער בייגקט נאך דעם ווייער וייל ער איז גיוואוינט גיוועזן צוא נעמן זיי אויף זיין הויפט און אויף זיינע קניען שטראפט ער אים דער מיט . גלייך וויא ער שטראפט דעם רייכין מיט זיין אקס און די אלמנה מיט איר הון און דעם יתום מיט זיין איי דאס דורך דעם בלייבט ער לעבין . און אמאל שטראפט גאט דעם מענטשין פאר ליבשאפט דען צרעת אדער ווען די קינדער שטארבן די קומען ניט תמיד איבער זינד . נאר אמאל קענען זיי קומען אויס ליבשאפט אדער פון וועגין אנאנדר סבה וואס מיר פאר שטייען עס ניט גייערט איך וויים אז זיין גירעכטר בית דין טוען משפטין איטליכע זאך זייער גוט איידיל . און קיין שום עולה איז ניט פאר האנדין פאר אים סייא אויף אזעלכין וואס ער דער פרייט מיט אלערלייא גיזאנג . אדער אזעלכין וואס ער שטרפט מיט ווייטאג און טוט אים וואונדין . איבער זיינע בייזע ווערקין און שענדליכע רעדין . און גאט איז גירעכט אין אליסען וואס דעם מענטשין איבער קומט . און מיר זיינען די סבה פון די זאך דריבער זיינע אונזערע הענט פאר שפרייט און שטייען אונטער

תזכור . ומעוררין זכות ואהבת ישני אדמת עפר . להיות לבנים כופר . ואשר מיסרים בעון אבותם . רחם על האבות ועל הבנים אתם . וסלחת לאשר לך חטאו . ועוו ופשעו . ואם בגזרת שמים הוא חייהם . נא תוסיף ימים על ימיהם . ויהיו נא אמרינו לרצון . לרחם על אלה הצאן . ימיהם ושנותם להאריך . ומכתם לרפא ולהאריך . ואם הוא מיסורי אביו : ליסרו בדבר חביב . יהי חסדך יי עלינו . ותגדיל חסדיך עמנו . וסלחת לעוננו ולחטאתנו . ואל תעש עמנו כלה כחטאתינו . ואם מיסורין של אהבה דבכן . לא הן בעינן ולא שכרן . ואם הוא לשאר סבות מכבשי דרחמנא . זכות הררי קודש עלינו ועליהם יגנה . וראה יי והביטה . לרחם על יתר הפליטה . וזכותם יעמוד בין המתים ובין החיים ותעצר המגפה . ושבתם ורפואתם תתן ורפא תרפא . חמל נא וחוס נא על אבות ובנים . ויאריכו בטוב ימים ושנים . למען יגדלון לעבודתך . וידעו כי אתה הוא האלהים ואין בלתך . וירבו ימיהם

---

דעם הימיל מיט פאר שלאגין נימיט מיט איין ביטער און איין בטריבט הארץ. און בעטין דיך פון וועגין דעם זכות אבות זאלסטו נידיינקען צו די קינדער . און דאס עס זאל זיך דער וועקין דער זכות און דאס ליבשאפט פון די וואס שלאפין אין דער ערד . דאס דיא קינדער זאלין דורך זייא אויס גילייזט ווערין און די וואס ווערין נישטראפט איבער דיא זינד פון דיא עלטערין דער בארים זיך איבער די פאטערס און איבער די קינדר מיט זיי און זאלסט פאר געבין צוא די וואס האבין גיזינדיגט און פאר קרימט און גימיססטייט און ווען זייער לעבין איז נגזר גיווארין אין הימיל נאר ביז איצונד בעט איך דיך דו זאלסט מערין נאך טעג אויף זייערע טעג . און אונזערע רייד זאל זיין צו ווילין דאס יי זאלסט זיך דער בארימען איבר די דאזיגע שאף זייערע טעג מיט זייערע יארין צו דער לייגערין און זייערע שלעק צו היילין . און אויב דאס איז פון די שטראף פון זיין פאטער אים צו שטראפין מיט וואס אים צום ליבסטין איז . זאל זיין דיין גינאד גאט אויף מיר . און דיין גנאד זאל זיין גרויס מיט אונז און זאלסט פאר געבין צו אונזערע זינד און פאר דארב אונז ניט פון וועגין אונזערע זינד . און ווען אנדערס די יסורים קומען אויס ליבשאפט וויל איך ניט זיי און זייער שכר און אויב דאס איז איבער אנדערע סבות פון די סודות פון גאט . זאל דער זכות פון דיא הייליגע בערג דאס זיינען דיא צדיקים זאל אויף אונז און אויף זייא בשיצין . און זעה גאט און לוג צו דער בארימען זיך איבער די וואס זיינען נאך איבער גיבליבן און זייער זכות זאל צו שיידין צווישין די לעבעדיגע און צווישין די טויטע און עס זאל ווערין אויף גיהאלטין די מארד און זייער היילונג גיב און זאלין נאך גיהיילט ווערין . דער בארעם זיך און האב חס אויף די עלטערין מיט די קינדער . און זאלין דר לייגערין זייערע יארין און טעג אין גוטס פון וועגין זיי זאלין אויף וואקסין צו דיין דינסט . דאס זייא זאלין וויסין אז דו ביסט איין גאט און עס איז ניטא קיינער חוץ דיר און עס זאלין

וימי בניהם על האדמה . ויפרצו צפונה ונגבה קדמה וימה . עד כי יבא שילה . וישובו יחיו יושבי בצלו . אמן :

לו וויא מען זאל בעטין אויף קינדער דער ציהען :

רבון כל העולמים . רם על רמים שמע תפלת כאי עדיך . לבקש רחמיך וחסדיך . תזכני ברוב חמלתך . לגדל בני לעבודתך . בנחת ולא בצער . ולא יבושו כי ידברו את איבים בשער ויהיו ממלאים ממוזרזים בתורה ויתפרנסו מתחת ידך בנקיות ובשופי . ולא ימצא בהם שמץ דופי . ועינינו רואות בשמחתם . בתורתם ובהצלחתם . יהיו לרצון אמרי פי . עוללי וטפי . ויחשב לפניך כהקרבת פר . בזכות ישני אדמת עפר . והגיון לבי לפניך יי צורי וגואלי אמן :

לח וויא מען זאל מתפלל זיין אויף דבר וחרב ורעב און אנדערע בייזע זאכן חלילה :

יי אלהי השמים . אל חי וקים . תבא לפניך שועת חנון . תהי אזנך קשבת תחנון . תשמע לקול זעקתנו

---

ימערט ווערין זייערע טעג און די טעג פון זייערע קינדער אויף דער ערד און זיי זאלין ימערט ווערין זייערע טעג און דיא טעג פון זייערע קינדער אויף דער ערד און זייא זאלין זיך שטארקין אויף אלע פיר זייטין פון דער וועלט ביז משיח וועט קומען . דען וועלין זייא ווידער לעבעדיג ווערין און וועלין זיצין אין זיין שאטין אמן :

רבון, יי ער הער פון אלע וועלטין . דער דא איז הויך איבער אלע הויכע דער הער דאס גיבעט פון די וואס קומען צו דיר צו בעטין דיין דער בארימקייט און גינאד . זייא מיך מזכה מיט דיין פיל דער בארימקייט אויף צו ציהען מייגע קינדער צו דיין דינסט מיט נחת און ניט מיט צער . און זיי זאלין ניט פר שעמט ווערין אז זיי וועלין ריידין מיט דיא תלמידי חכמים וואס זיצין אין די טויערין און אין זייער פלפול זייגען זייא גליך דיא פיינר איינס דאס אנדרע און זייא זאלין זיין דער פילט און גיפרישט אין דער תורה און זאלין גישפייזט ווערין פון דיין האנט מיט ריינקייט און מיט פילקייט . און עס זאלין ניט גיפונען ווערין אין זיי קיין שאנד און קיין פלעק . און אונזערע אויגין זאלין זעהען אין זייער פרייד מיט דער תורה און מיט זייער הצלחה . זייא זאלין זיין בווילינגן די זאג פון מיין מויל פאר מיין יונגע און קלייגע קינדער . און עס זאל ווערין גירעכינט פאר דיר גליך וויא איך וואלט מקריב גיוועזן איין אקס פאר איין קרבן אין דענו זכות פון דיא טויטע וואס שלאפין אין דער ערד . און די גידאנקען פון מיין הארץ זאל זיין בווילינט פאר דיר גאט מיין בשעפער און מיין אויס לייזער אמן :

יי גאט דער גאט פון די הימלען דער לעבעדיגער און בשטענדיגער גאט לאז קומען פר דיר דאס גישריייא פון גיבעט . דו זאלסט הערין צו דעם קול פון אונזער גישרייא דער

ושועת האנון. ייי אל רחום וחנון. שלח רפואה שלמה לחולי עמך. השואגים בקול שועה מחכים בריתך. שמש צדקה ומרפא למיחלים רחמיך. שוב מחרון אפך והנחם על הרעה לעמך. ארך אפים ורב חסד שמך. רחמיך רבים יי כמשפטיך חינו. רוגז הנח וכעס הפר אם ענו בנו עונינו. ראה יי והביטה אסוף חרפתנו. רעב ודבר וחרב ושבי ומשחית ומגפה הסר ממנו. נוצר חסד לאלפים על אבותינו ועלינו. קרוב יי לנשברי לב ואת דכאי רוח יושיע. קומה יי להציל ממות נפשם ולחיותם ברעב אל נאתמניע. קומה יי הושיענו אלהינו כבימי יהושע. קוממיות תוליכנו ופעלך בקרב שנים תודיע. נושא עון ופשע וסולח למרשיע. צרה ופחד ודבר וחרב ורעב ושבי ומשחית. צו להסיר ממנו ולא תתן לבא אל בתינו המשחית. צור ישעך תמהרנה והוא רחום יכפר עון ולא ישחית. צוה ישועות יעקב

---

פארים זיך איבער אונז מיט דער בארימקייט נאט דער בארמי..ר [illegible]אט און לייט ועלינר. שיק איין רפואה שלמה צוא די קראנקע פון דיין פאלק. זיי שרייען מיט אנישרייא קול זיי האפין צו דיין זיכערהייט. שיק די זון פון צדקה און היילונג צו די וואס האפין אויף דיין דער בארימקייט קער ווידער פון דיין גרים צארין און בריינק דיך איבער דעם בייז צו דיין פאלק. דען דיין נאמען איז ארך אפים ורב חסד דאס איז טייטש דוא האלטשט אויף דיין צארין און בישט פיל גינאד. דיין דער בארימקייט נאט איז פיל מאך אונז לעבין אזו הייא דיין משפט איז. דעם צארין לאז נאך און דעם כעם פאר שטער ווען אפילו אונזרע זינד האבין בצייגט אין אינז ווע נאט און לוג און נעם אוועק אונזער שאנד הונגר און מארד און שווערד און גיפיינקענס און פאר דארבונג און מגפה טוא אפ פון אונז. דו טוס.. גינאד צו צוויי טויזנט דורות אויף אונזרע עלטרין און אויף אונז ער איז נאהנט צו דעם וואס האט איין צוא בראכינע הארץ און דעם פאר שטויסינע נימיט טוט ער העלפין שטייא אויף נאט צו באשירמען זייער לייב פון דעם טויט און פאר מייד ניט פון זיי צו לאזין זיי לעבין אין הונ..ר. שטייא אויף אונזער גאט אזו וויא אין די טעג פון יהושע. פיר אונז בשטעטיג און דיין ווערק זאלסטו מאכין באקענט אין אקורצע צייט ער פאר טראגט די זינד און פאר גיט צו דעם שולדיגין. לייד און פארכט און מארד און שווערד און הונגער און גיפיינקענעס און פאר דארבונג אויף דעם אלימען גיבויט עס זאל ווערין פון אונז אפ גיטאן און זאלסט ניט לאזין קומען דעם פאר דארבער אין אונזרע

ויושר השיר עיר עז לנו ישועה ישית . ונקה הבטחתנו
לאשר לבו לתשובה השית . פותח את ידך ומשביע
לכל חי . פדה אלהים את ישראל וראה רבעי וארחי .
פשע ועון שאנא וסלחת לעוננו ולחטאתנו ואמרת כה
לחי . עזרת אבותינו אתה הוא מעולם . עוד מגן ומושיע
לבניהם אחריהם בכל דור ודור כלם . עשה למענך אם
לא למעננו ובגללם עזר מצריו תהיה ותסיר צלם . סומך
יי לכל הנופלים מעולם שמך . סליחה ומחילה המצא
לעבדיך . נצר חסד לאלפים . נא אל תשיבנו ריקם
מלפניך כסופים . נטעך אל תשגשגי ויהיו בעיניך
כסופים . נצח תשמרני משמים . הבט וראה משוד
עניים . ומאנקת אביונים עתה תקום . מחיה חיים תן לנו
חיים טובים וארוכים . ומטובך היטב לנו מלך מלכי
המלכים . לא נשאר לו תוכחה לאלהים המכה בכל
מכה במדבר . לארץ בבואם למשפטיך תעמידם היום
להעם אשר זעם . לנצח למה תשכחנו מנהיגם ורועם .

---

תיזער . באשעפער זאלסט אײלין דײן הילף און דער וואס איז בארמיג זאל פאר געבין
די זינד און זאל ניט פאר דארבין גיבוט דיא הילף פון יעקב . און דאס גיזאנג זאל ווערין
גיזונגען ער איז אונז איין שטארקע שטאט . הילף זאל ער אונז טאן . דו האסט פאר
זיכערט אז דוא וועסט ריינינגין דעם וואס שטעלט זיין הארץ תשובה צו טאן . עפין דיין
האנט און מאך זאט צו איטליכין לעבעדיגין נאט לייז אויס די ישראל און זעהע מיין וועג
און מיין שטעג פאר גיב דיא זינד . און זאלסט פאר געבין צו אונזערע זינד און פאר
קרימונג און זאלסט זאגין אזו זאל זיין איבער איאר און אלע צייט די הילף פון אונזערע
עלטערין ביסטו פון אייביג אן . אזו זאלסטו אויך זיין איין באשיצער און איין העלפער צו
זייערע קינדער אלע אין איטליכין גיבירד . טוא עס פון דיינט וועגין . אויב ניט פון
אונזערט און זייערט וועגין דו זאלסט אים זיין אהעלפער פון זיינע פיינד דיין נאמען איז
דאך פון אייביג אז דו טוסט אונטער לעהנען צו אלע וואס פאלין . סליחה און מחילה
מאך גיפינען צו דיינע קנעכט . און פון וועגין דעם גישרייא פון די נויט באדערפטיגע
זאלסטו איצונד אויף שטיין . דו נאט וואס דוא מאכסט לעבין דיא לעבעדיגע גיב אונז
גוטע און לאנגע לעבין . פון דיין גוטש באניטיג אונז קיניג איבער אלע קיניגין . ווארום
זאלסטו אונז פאר געסין אויף אייביג אונזער פירער . און אונזער פיטערער . אום זיסטע
גינאד טוא אונז און קראפט גורט אן צו די גישטרויכילטע . דער בארים זיך איבער דיא

כְּבַלַּע רָשָׁע צַדִּיק מִמֶּנּוּ לָמָּה תַּחֲרִישׁ . כְּבוֹד שִׁמְךָ הַמְחֻלָּל בֵּינֵיהֶם בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל הַפְרֵשׁ . כַּמָּה שָׁנִים אֲשֶׁר אֵין קָצִיר וְחָרִישׁ . טֶרֶם נִקְרָא תַּעֲנֶה לַמְיַחֲלִים רַחֲמֶיךָ . חֶסֶד חִנָּם לָנוּ תַּעֲשֶׂה וְחַיִל תְּאַזֵּר לְנִכְשָׁלִים . חוֹן לְבָאֵי עַל נִקְרַת עָפָר וּמְחִלַּת צוּרִים וְגַלִּים . חֲשׁוּבִים הֵם כְּמֵתִים אִם לֹא יִהְיוּ רַחֲמֶיךָ עֲלֵיהֶם מִתְגַּלְגְּלִים . חֻקּוֹתֶיךָ וּמִצְוֹתֶיךָ מִי יִשְׁמוֹר אוֹתָם וּמִי יִתֵּן לְשִׁמְךָ קֹדֶשׁ הִלּוּלִים . זִכְרוֹן יְשֵׁנֵי חֶבְרוֹן רֹאשׁ צוּרִים וּגְבָעוֹת . זְכוּת הַרְרֵי קֶדֶם וְחַסְדֵי אָבוֹת וְאִמָּהוֹת . זֵכֶר שְׂפוּנֵי טְמוּנֵי חוֹל לְפָנֶיךָ יִהְיוּ מְמַשְׁמְשׁוֹת וּבָאוֹת . זִכָּרוֹן אֶחָד יַעֲלֶה מִכָּאן וּמִכָּאן וְתַעֲשֶׂה עִמָּנוּ לְטוֹבָה אוֹת . וְיִשְׁכּוֹן בֶּטַח בָּדָד עֵין יַעֲקֹב אַף שָׁמָיו יַעַרְפוּ טָל . וְיִשְׁתַּזְבוּן מִכָּל עָקָא וּמִכָּל מַרְעִין בִּישִׁין וְטִלְטֵל . וּתְקַעְתּוֹ יָתֵד תְּקוֹעַ בְּמָקוֹם נֶאֱמָן נִשָּׂא וּמְנֻטָּל . וְהַמְצֵא לָהֶם מָזוֹן וּפַרְנָסָה אֲדַרְכְּמוֹנִים וַאֲגַרְטְל . הָרוֹפֵא לִשְׁבוּרֵי לֵב וּמְחַבֵּשׁ לְעַצְּבוֹתָם הָסֵר מִסְרוּחִים מַרְזֵחַ . הָעָם הוֹלְכֵי חוֹשֶׁךְ יִרְאֶה אוֹר גָּדוֹל בְּנוֹעַם שְׁכִינָתְךָ לַחֲזוֹת בְּצָפְנַת פַּעְנֵחַ . הַיְשׁוּעָה

---

וואס קומען אזו נידעריג אויף די שפאלטין פון דער ערד און אויף די היילין פון די פעלזין אז ווען דיין רחמנות וועט ניט זיין איבער זייא אזו ווערין זיי גירעכינט וויא דיא טויטע נוא ווער וועט היטין דיין גיזעץ און דיינע מצות און ווער וועט געבין צוא דיין נאמען לויבונג · דאס גידעכעניס פון די אבות און אמהות וואס שלאפין אין חברון די הויפט פון די פעלזין און די הויך · דער זכות פון די ערשטע בערג און די גינאד פון די אבות און אמהות · דאס גידעכעניס פון די וואס זיינען באדעקט און בהאלטין אין זאמד זאלין פאר קומען פאר דיר אין איין מאל און זאלסט מיט אונז טאן איין צייכין צוא גוטין · און ער זאל רוען זיכערליך און אליין דאס גישטאלט פון יעקב אויך זיינע הימלען זאלין טריפין טויא און זייא זאלין בשירמעט ווערין פון אלע צרות און פון בייזע קראנקהייט און פאר וואנלונג און זאלסט אים באפעסטיגין אזו וויא איין נאגיל וואס איז אריין גישלאגין אויף איין גיטרייע ארט און ער זאל זיין הויך און דער הויבין · און באשער זיי זייער שפייז און פרנסה און נאך מער אנדערע גוטע זאכין דער גאט וואס היילט צו די צוא בראכענע הערצר און פלאסטערט זייער וויא טאן טוא אפ פון די שלעכטע זייער פרייד · דס פאלק וואס גייט אין דער פינסטער זאל זעהען אגרויס ליכט אין דעם זיסקייט פון דיין שכינה צו

זעהי

והצלחה לנו הצמח . הגבוהה השפילה והשפלה הגבה ונרדו יתן ריח . דופקי שערי רחמיך תושיע ותציל . דינך העבר מהם בזכות המקלות פצלות פצל . דגול מהר חבלילי והיה עוזר לי עד שעה שהסום רץ ומציל . דכאי רוח ונשברי לב תושיע גם כל קויך לא יבושו יבושו הבוגדים ריקם . בחסדך בטחנו יגל בישועתך לבנו . בימינו יושע יהודה וישראל ישכון בטח בדד בארצנו . במהרה יבנה על משפטו ארמון בית קדשנו . אך לשמך יודו עוד זרע רעים האהבים . אתה יי תשמרם תנצרם מהמון מים רבים . אף לי בר מן דין ימים על ימים תוסיף למועדים טובים . את הטוב ששון ושמחה ראות נזכה בימים קרובים .

מי שענה לאברהם באור כשדים . והציל אותו בעמק השדים . ישמור אותנו בכל שס"ה גידים . מי שענה

---

ועהען אין די פאר בארגינע זאכין . די היקף און באגליקונג זאלסטו אונז מאכין שפראצין. די הויכע מאך נידעריג און די נידעריגע מאך הויך און זיין גיווירץ זאל ווידער געבין זיין גישמאקין ריח דאס איז דאס ישראל זאלין ווידער צו זייער ערסטע מדריגה קומען דיא וואס קלאפין די טויערין פון דיין רחמנות זאלסטו העלפין און בשירמען דיין דין טוא אפ פון זיי אין דעם זכות פון יעקב וואס ער האט אפ גישיילט די שטעקינס בשעת ער איז גיוועזן ביא לבן . דוא גוטער גאט אייל מיין זיסקייט און זייא אהעלפער צוא מיר דאס ירושלים זאל אזויא גרויס ווערין וויא די צייט וואס איין פערד קען לויפין און מאכט איין שאטין מיט זיין לויפין . דאס איז פון פריא ביז נאכט . די פאר שטויסיגע גימיט און צוא בראכינע הערצער זאלסטו העלפין . אויך אלע די וואס האפין צוא דיר זאלין ניט פאר שעמט ווערין לאזין דיא פאר שעמט ווערין דיא וואס גייען נאך פאלשקייט און לערע זאכין . אין דיין גינאד טוען מיר זיך פאר זיכערין אין דיין היקף טוט זיך פרייען אונזער הארץ אין אונזערע טעג זאל ווערין גיהאלפין יהודה און ישראל זאל רוען זיכערליך אליין אין אונזער לאנד . אונזער בית המקדש זאל גיך גיבויט ווערין אזו וויא עס גיהער צוא זיין . נאר צוא דיין נאמען וועלין ווידער לויבין דיינע גיליבטע פריינד . דו גאט זאלסט זייא היטין פאר די פיל וואשערין חוץ אויף דעם אלימען זאלסטו מיר אויך פאר מערין מיינע טעג צו גוטע צייטין דאס גוטס און פרייד זאלין מיר זוכה זיין באלד צו זעהען:

מי שענה . דער וואס האט גיענטפערט צו אברהם אבינו בשעת אז נמרוד האט אים אריין גיווארפין אין דעם פייער פון כשדים און האט אים באשירמעט פון דיא פיר

אלקים

לְיִצְחָק כַּאֲשֶׁר גֵּרְשׁוֹ אֲבִימֶלֶךְ . וְעוֹרֵר עָלָיו מְדָנִים
וַיְגָרְשֵׁהוּ וַיֵּלֶךְ . יִשְׁמוֹר אוֹתָנוּ בְּכָל מָחוֹז וָפֶלֶךְ . מִי שֶׁעָנָה
לְיַעֲקֹב בְּצָרַת עֵשָׂו וְלָבָן וְדִינָה . וּמִכָּל הַמְּעִיקִים שֶׁעָמְדוּ
עָלָיו בְּשׁוּבוֹ מִפַּדָּנָה . יִשְׁמוֹר אוֹתָנוּ מִכָּל הַקָּמִים עָלֵינוּ .
מִי שֶׁעָנָה לְיוֹסֵף בְּבֵית הָאֲסוּרִים . וּנְתָנוֹ חֵנוֹ בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ
וְשָׂרִים . יִשְׁמוֹר אוֹתָנוּ בְּכָל רמ״ח אֵבָרִים . מִי שֶׁעָנָה
לַאֲבוֹתֵינוּ בְּמִצְרַיִם . וְהָפַךְ לָהֶם חוֹשֶׁךְ לְצָהֳרַיִם . הוּא
יִשְׁמוֹר אֶת מַחֲנֵה הָעִבְרִים . מִי שֶׁעָנָה לְמֹשֶׁה בַּסְּנֶה
וְנָתַן לָנוּ עַל יָדוֹ תּוֹרָתוֹ לְמָנָה . הוּא יִשְׁמוֹר אוֹתָנוּ בְּכָל
פִּנָּה . מִי שֶׁעָנָה לְאַהֲרֹן בְּעָמְדוֹ בֵּין הַחַיִּים וּבֵין הַמֵּתִים .
וְעָצַר מַלְאֲכֵי הַמַּשְׁחִיתִים . יִשְׁמוֹר אוֹתָנוּ מִכָּל פְּגָעִים
רָעִים וְכָל שִׁנּוּי מְזָגִים וְעִתִּים . מִי שֶׁעָנָה לְפִינְחָס בְּעָצְרוֹ
הַמַּגֵּפָה . וְשָׁלַח עַל יָדוֹ תְּרוּפָה . יִשְׁמוֹר אוֹתָנוּ מִכָּל זַעַם

---

מלכים אין דעם טאל וואס הייסט שדים דער זאל אונז היטן און אלע אונזערע דרייא הונדערט און פינף און זעכציג אדערין . דער וואס האט גיענטפערט צו יצחק אין דער צייט וואס אבימלך האט אים פאר טריבין פון זיין לאנד און האט אויף אים דער וועקט קריג . און האט אים אוועק גיטריבין און ער איז אוועק גינאנגען דער זאל אונז היטן אין אלע שטעט און אלע פלעצר . דער וואס האט גיענטפערט צו יעקב אין דיא צרות פון עשו און לבן און דינה און פון אלע זיינע באליידינגער וואס זיינען אויף אים אויף גישטנען בשעת ער האט ווידער גיקערט פון פדן ארם דער זאל אונז היטן פון אלע וואס שטייען אויף אונז אויף . דר וואס האט גיענטפערט צו יוסף אין דער תפיסה און האט אים גיגעבין חן אין די אויגין פון דעם מלך מיט די הערין . דער זאל אונז היטן אין אלע צווייא הונדערט מיט אכט און פערציג גלידער . דער וואס האט גיענטפערט אונזערע עלטערין אין מצרים . און האט זיי פאר קערט דאס פינצטערקייט צו ליכטיקייט . דער זאל היטין דיא שאר פון דיא יהודים . דער וואס האט גיענטפערט צוא משה בייא דעם דארין און האט אונז דורך אים גיגעבין זיין תורה צוא איין גאב דער זאל אונז היטן אין אלע עקין . דער וואס האט גיענטפערט צו אהרן בשעת ער איז גישטאנען צווישין די טויטע און צווישין די לעבדיגע און האט אויף גיהאלטין די שלוחים וואס האבין גיוואלט פאר דארבין דיא ישראל . דער זאל אונז היטין פון אלע בייזע בגעגינעס און פון אלע פאר ענדערליכע צייטין . דער וואס האט גיענטפערט צו פינחס בשעת אז ער האט איין גיהאלטין דעם מארד און האט גישיקט דורך אים איין רפואה דער זאל אונז היטין פון אלע צארין און לייד און מארד . דר וואס האט גיענטפערט צו יהושע אין גלגל און דורך אים האט ער אפ גיטאן דאס לעסטערונג פון די ישראל . דער זאל אונז מציל זיין

וְצָרָה וּמַגֵּפָה. מִי שֶׁעָנָה לִיהוֹשֻׁעַ בַּגִּלְגָּל. וְחֶרְפַּת יִשְׂרָאֵל עַל יָדוֹ גָל. הוּא יַצִּילֵנוּ מֵהוֹרָאַת כּוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם וְהַגַּלְגַּל׃ מִי שֶׁעָנָה לִשְׁמוּאֵל בְּמִצְפָּה. וְהָעָם עַל יָדוֹ גְּבוּרוֹת יְיָ צָפָה. יַצִּיל אוֹתָנוּ מִדֶּבֶר וְעִפּוּשׁ וּמַגֵּפָה. מִי שֶׁעָנָה לְדָוִד בְּכָל מְאוֹרְעוֹתָיו. וְהִצִּיל אוֹתוֹ בְּכָל מִלְחֲמוֹתָיו. הוּא יִשְׁמוֹר אוֹתָנוּ מִכָּל מִקְרֵי הַזְּמַן וְתוֹלְדוֹתָיו׃ מִי שֶׁעָנָה לִשְׁלֹמֹה בִּירוּשָׁלַיִם. וְהוֹרִיד הָאֵשׁ מִן הַשָּׁמַיִם. הוּא יִשְׁמוֹר אוֹתָנוּ מֵאֵשׁ וּמִמַּיִם. מִי שֶׁעָנָה לְהוֹשֵׁעַ וְיוֹאֵל וְעָמוֹס. וְגִלָּה לָהֶם כָּל דְּבַר הַכָּמוּס. יַעֲנֶה אוֹתָנוּ וְחַיִּים וְחֶסֶד לָנוּ יַעֲמוֹס. מִי שֶׁעָנָה לְעוֹבַדְיָה וְיוֹנָה וּמִיכָה. וְהִצִּיל אוֹתָם כַּאֲשֶׁר בָּא נַפְשָׁם עַד דַּכָּא׃ יִשְׁמוֹר אוֹתָנוּ מִכָּל חֳלִי וְכָל מַכָּה׃ מִי שֶׁעָנָה לְנַחוּם וְלִצְפַנְיָה וְלַחֲבַקּוּק אֲשֶׁר עָג עוּגָה׃ וְהִתְפַּלֵּל עַל צֹאן הַהֲרֵגָה׃ הוּא יִשְׁמוֹר אוֹתָנוּ מִכָּל תּוּגָה׃ מִי שֶׁעָנָה לִזְכַרְיָה וּמַלְאָכִי וְחַגַּי׃ בְּדָרְשָׁם אֶת שְׁלוֹם עִיר רִגּוּגַי׃ יַצִּיל אוֹתִי מִמּוֹגְגַי׃ מִי

---

פאר די אוים ווייזונג פון די בייזע שטערין. דער וואס האט גיענטפערט צו שמואל אין מצפה און דורך אים האט דאס פאלק גילונגט דאס שטארקייט פון גאט. דער זאל אונז מציל זיין פון מארד און עיפוש און מגפה. דער וואס האט גיענטפערט צו דוד המלך אין אלע זיינע טרעפענעס. און האט אים מציל גיוועזן אין אלע זיינע מלחמות. דער זאל אונז היטין פון אלע טרעפונג פון דער צייט. דר וואס האט גיענטפערט צוא שלמה המלך אין ירושלים און האט אראפ גינידערט פייער פון דעם הימיל. דער זאל אונז היטין פון פייער און פון וואסער. דער וואס האט גיענטפערט צוא הושע און יואל און עמוס און האט זיי אנטפלעקט אלע פאר באהגענע זאכין דער זאל אונז ענטפערין. און זאל אונז באלאדין מיט לעבין און גינאד. דער וואס האט גיענטפערט צוא עובדיה און יונה און מיכה. און אז זייער לייב איז גיקומען ביז צו שטויסונג דאס מיינט מען בשעת עס איז זייא גאנץ שלעכט גיוועזן וואס זיי זיינען שיר גישטארבין האט ער זייא מציל גיוועזן. דער זאל אונז היטין פון אלע קראנקהייט און פון אלע שלעק. דער וואס האט גיענטפערט צו נחום און צפניה און חבקוק וואס ער האט גימאכט ארום זיך איין צירקיל און האט גיבעטין פר דיא שאף וואס ווערין דער שלאגין דאס מיינט מען דיא ישראל. דער זאל אונז היטין פון אלע טרויערקייט. דער וואס האט גיענטפערט צו זכריה און מלאכי און חגי אז זיי האבין גיפארשט דיא פריד פון מיין גילוסטיגע און ליבליכע שטאט ירושלים. דער זאל מיר העלפין און דער וואס האט גיענטפערט צוא אליהו און אלישע. און דורך

שענה לאליהו ואלישע. ועל ידם נתקדש שם שמים מאנשי רשע. הוא ימחל לנו כל עון וכל חטא ופשע. מי שענה לחנניה מישאל ועזריה. ולא שמעו לקול שחל ושאגת אריה. ישמור אותנו שלא ננזק משום בריה. מי שענה לדניאל בגוב האריות. בלשנו אותו בוזקי סריקי וחריות. יציל אותנו בפרוע פרעות. מי שענה לאנשי כנסת הגדולה. בהתפללם על חמת יצר הרע שלא תעלה. הוא ישמור אותנו מכל תקלה ובהלה. מי שענה למרדכי ואסתר בשושן הבירה. והציל אותם וכל ישראל מכל גזרה. הוא יציל וישמור אותנו מכל מקרה רע: מי שענה לכל הצדיקים והחסידים והתמימים והישרים. אשר עמדו בכל דור ודור ומורים. הוא יענה אותנו וישמור אותנו לעד ולדור דורים: רחמנא דעני לעניי עניגא. רחמנא דעני למכיכי רוחא עניגא. רחמנא דעני לתבירי לבא עניגא. רחמנא

---

ווי איז וואָרין גיהייליגט דער נאָמען פון גאָט פון די שלעכטע מענטשין. דער זאָל אונז מוחל זיין אַלע זינד און אום רעכט און מיסטייט. דער וואָס האָט גיענטפערט צוא חנניה מישאל ועזריה וואָס זיי האָבין ניט גיוואָלט צו הערין צו דעם קול פון דעם לעמפּערט און צום גישרייא פון דעם לייב דאָס איז נבוכדנצר. דער זאָל אונז היטין פיר זאָלין ניט גישעדיגט וועריז פון קיין שום בשעפינעס. דער וואָס האָט גיענטפערט צו דניאל אין לייבין גרוב. אז דיא שלעכטע און לערע לייט האָבין אויף אים לשון הרע גיזאָגט דער זאָל אונז מציל זיין פון אַלע פורענות און בּרעך. דער וואָס האָט גיענטפערט צו די אנשי כנסת הגדולה אז זייא האָבין גיבעטין דאָס דער צאָרין פון דעם יצר הרע זאָל ניט קומען איבער זייא. דער זאָל אונז היטין פון אַלע שטרויכלונג און דער שרעקענס. דער וואָס האָט גיענטפערט צו מרדכי און אסתר אין שושן הבירה און האָט מציל גיוועז זייא און אַלע ישראל פון אַלע גזירות. דער זאָל אונז מציל זיין און היטין פון אַלע בייזע טרפונג. דער וואָס האָט גיענטפערט צו אַלע צדיקים און חסידים און פרומע און רעכט פארטיגע. וואָס זיינען גיוועז אין אַלע דורות און האָבין גילערינט און גיפסקנט. דער זאָל אונז ענטפערין און זאָל אונז היטין אויף אייביג און אין אַלע גיבירד. דער בּארמיגער גאָט וואָס ענטפערט די אָרימע ענטפער אונז. דער בּארמיגער גאָט וואָס ענטפערט די וואָס זיינען אין נידעריגע גימיט ענטפער אונז. דער בּארמיגער גאָט וואָס ענטפערט צוא די צו בראָכינע הערצער ענטפער אונז. דער בּארמיגער גאָט ענטפער אונז. דער בּארמיגער גאָט האָב דא

עריג

עננא . רחמנא חוס . רחמנא פרוק . רחמנא שזיב .
רחמנא רחם עלן . השתא בעגלא ובזמן קריב :

אנא הסר ממנו ומבתינו ומבתי כל עמך בכל מקום שהם דבר וחרב ורעב ורעה ומשחית ומגפה ושטן ויצר הרע וחלים רעים וקים בנו מה שכתוב כי אל רחום יי אלהיך לא ירפך ולא ישחיתך ולא ישכח את ברית אבותיך אשר נשבע להם . ונאמר ויחן יי אותם וירחמם ויפן אליהם למען בריתו את אברהם את יצחק ואת יעקב ולא אבה השחיתם ולא השליכם מעל פניו עד עתה . ונאמר כי ראה יי את עני ישראל מורה מאד ואפס עצור ואפס עזוב ואין עוזר לישראל . ולא דבר יי למחות את שם ישראל ויושיעם למען שמו : אנא מלך מלכי המלכים ברחמיך הרבים רחם עלינו ואין לנו עוזר וסומך אלא אתה למען קדשת שמך הגדול הגבור והנורא כי רב הוא ולמען ארבע אותיות שמך המכתר בכתר אמונה ולמען שלש עשרה מדותיך של רחמים

---

אויף אונז . דער בארמיגער גאט לייז אונז אויס . דער בארמיגער גאט בשירם אונז . דער בארמיגער גאט דער בארים זיך איבער אונז באלד און אין איין קורצע צייט :

אנא איך בעט דיך טוא אפ פון אונז און פון אונזערע הייזער און פון די הייזער פון גאר דיא פעלקערין . אין דעם ארט וואו זייא זיינען דבר און חרב און רעב און בייז דעם פאר דארבער און מארד און דעם שטן און דעם יצר הרע און בייזע קראנקהייט . און זייא אין אונז מקיים דאס וואס שטייט געשריבין דען גאט דיין גאט איז איין דער בארמינער גאט . ער וועט דיך ניט שלאפין און וועט דיך ניט פאר דארבין און וועט ניט פאר געסין די זיכערהייט פון דיינע עלטערין וואס ער האט צוא זייא געשווארין און עס ווערט געזאגט איין פסוק און גאט האט זייא גילייט זעלינט און האט זיך איבר זיי דער בארימט און האט זיך גיקערט צוא זייא . פון וועגין זיין זיכערהייט מיט אברהם און מיט יצחק און מיט יעקב און האט זייא ניט גיוואלט פאר דארבין און האט זייא ניט אוועק גיווארפין פון אים . און נאך ווערט גיזאגט אפסוק דען גאט האט גיזעהן די פיין פון די ישראל דאס עס איז זייער ביטערליך און זייא האבין ניט קיין אויף האלטער און ניט קיין פעסטונג און ניט קיין העלפער צו די ישראל . און גאט האט ניט גרעט אפ צו מעקין דעם נאמען פון די ישראל און ער האט זיי גיהאלפין פון וועגין זיין נאמען :

אנא איך בעט דיך קיניג איבער אלע קיניגין מיט דיין פיל דער בארימקייט דער בארים זיך איבער אונז . און מיר האבין ניט קיין העלפער און קיין אונטער לעגר נאר דוא צוא פון וועגין דיין הייליקייט פון דיין נאמען דעם גרויסין און דעם פארכטיגין וואס ער איז גרויס . און פון וועגין די פיר אותיות פון דעם שם הוי"ה וואס ער איז גיקריינט מיט דער פרוין פון ווארהאפטיקייט און וועגין די דרייצעהן מדות פון דר בארימקייט וום מיר ווינען

שבטוחים אנו שאינן חוזרות ריקם ולמען חסדיך ורחמיך הרבים אשר מעולם המה ויכבשו רחמיך את כעסך ויגולו על מדותיך ובטובך הגדול הסר חרון אפך מעלינו ומעל כל עמך בית ישראל כלה דבר וחרב ורעב ומשחית מסביבותינו ולא ישמע בכי וזעקה בבתינו ולא שוד ושבר בגבולנו ופרוש עלינו סכת שלומך ושמע תפלתנו וקבל תחנתנו וראה בעניינו ודמעת עינינו כי עת צרה ליעקב וממנה תושיע אותנו. קרוב יי לנשברי לב ואת דכאי רוח יושיע. יי צבאות עמנו משגב לנו אלהי יעקב סלה: יי צבאות אשרי אדם בוטח בך: יי הושיעה המלך יעננו ביום קראנו:

לט זויא מען זאל פתפלל זיין קענן גאט אויף זיין גרוים ארימקייט דאס ער זאל אים דער פון באהיטין:

רבון כל עולמים. יודע כל תעלומים. יושב בגבהי מרומים. ומביט בעמקי הדומים. מביט לסוף דבר בקדמותו. ויודע אחרית דבר מראשיתו. ישרים כל דיניו. ומצדקים כל עניניו. עשוים באמת וישר. מבלי עודף וחוסר. ובכל זאת רבו רחמיו וחסדיו.

---

ויינען פאר ויכערט אז זיי קערין ניט ווידער צו ריק ליידיג. און פון וועגין דיין פיל גינאד און דר פארימקייט וואס זיינען פון אייביג אן. און דיין רחמנות זאל באצווינגן דיין צרין און די רחמנות זאל איבער גיין דיינע מידות. און מיט דיין גרוים גוטם טוא אפ דיין גרים צארין פון אונז און פון גאר דיין פאלק ישראל. און פאר לענד דעם דבר און חרב און רעב און פר דארבער פון ארום אונז. און עס זאל ניט ווערין גיהערט קיין גיוויין און קיין גישרייא אין אונזערע הייזער. און ניט קיין רויבונג און קיין בראך אין אונזער גבול און פר שפרייט אויף אונז די היטע פון דיין פריד. און הער צוא אונזער גיבעט און פר נעם אונזערע תחינות און זעה אין אונזר פיין און די טרערין פון אונזערע אויגין. ווארום עס איז איין לייד צייט צו יעקב. און דר פון העלף אונז. גאט איז נאהענט צו די צו בראכינע הערצער און דעם וואס האט אנידעריג גימיט זאל ער העלפין. גאט דר וואס הערשט איבער אלע העיר שארין איז מיט אונז און איז אונזר שטארקייט אויף אייביג דער גאט פון יעקב. גאט וואס ער ווערט גירופין ה׳ צבאות וואויל דם מענטשין ווס פר זיכערט זיך אין דיר. גאט העלף דר קיניג זאל אונז ענטפערין אין דעם טאג וואס מיר רופין אים:

רבון כל העולמים. דר הער איבער אלע וועלטין וואס ער ווייסט אלע פר הוילענע זאכן ער זיצט אין די הויכע הימלען. און לוגט אין דער טיפע ערד. און קוקט אין דעם סוף פון דר זאך פון דעם אן הייב פון דער זאך. און פון דעם אן הייב פון דר זאך ווייסט ער וואס איר סוף וועט זיין. זיינע אלע דינים זיינען רעכט פארטיג און אלע זיינע זאכן זיינען גימאן מיט וואהרהייט און רעכט פארטיג. ניט צוא פיל און ניט צו ווייניג. און פון דעסט

ושכלול מעבדיו . צדיק אתה יי וישר משפטיך . תצדק
בדברך . והן דיהבית אשפעית . למאן דאת בעית .
והן דמחית גיית . למאן דלא צביית . הכל לטב הוא
דעבדית . אף בהנהגה כבדית . ואשר ידורב לו . וברך
יי חילו . ובהיכלו כבוד אומר כלו . ובקרב שנים תחיה
פעלו : אינו בלבד לאכול ולשתות ולשמוח בעמלו :
כי אף גם לזכותו לרב טוב הצפון לחוכי לו : ויצבור וידע
מי אוספם : ויעטה על שפם זרע קודש מצבתה :
בנים חביבים אשר אהבת : ואם ככה את עושה : לחנן
את האדם לאכול אליתא ובעילתא טשא : ולאמטיה
אפרין וחנות : לזכותו לשתי שלחנות : הרי זה ממתנת
ידך עולה : ומשכרתו כפולה : ואשר מחצת להיות
אביל קוקילי : וישכיב אקיקלי : גם זו לטובה : פעמים
לנכות החובה : ופעמים לנסותו : ולהיטיב אחריתו : ויש
אשר לא נברא בשעתא דמזוני סגי . או שאר דברים

---

ווענין זיינן פיל פון זיינע רחמנות און זיין ניגאד און זיינע גרינדליכע ווערקין . דו גאט ביסט גירעכט און דיינע משפטים זיינן רעכט פארטיג . דו ביסט גירעכט אין דיינע זאכין צוא וועסען דו ווילסט גיסטו פיל . און דער וואס וויל דיך ניט פאלגין שלאגסטו פיל . אלץ טוסטו צוא גוטין . אפילו ווען דו פירסט איינעם מיט שווערקייט . און דעם וואס גייט וואול און גאט האט גיבענטשט זיין גוטס . און איטליכער טוט אים אן כבוד אין זיין פלעץ און וויא לאנג ער לעבט טוסטו זיין ווערק . איז דאס ניט אליין דער עיקר דאס ער האט צו עסין און טרינקען און זאל זיך פרייען מיט זיין געלט און גוטס . נייערט דאס ער זאל גאר דורך דעם זוכה זיין צו דעם פיל גוטס וואס איז באהאלטין צוא די וואס האפין צוא אים . דאס מיינט מען עולם הבא . און ער וועט איין זאמלען און וועט וויסין ווער עס האט אים זיי גימאכט איין זאמלען . און וועט ארום גיוויקילט ווערין מיט היילינע קינדר . מיט אזעלכע גיליבטע קינדר ווס דו האסט ליב און צו וועלכין דו טוסט אזעלכעם צוא לייט זעליגין דעם מענטשין דאס ער זאל עסין דאס בעסטע און שענסטע און זאל גרייכין חן דאס ער זאל זוכה זיין צו ביידע טישין ער זאל האבין ביידע וועלטין . דאס קריגט ער איין מתנה פון דיין האנט און זיין שכר איז גיטאפילט דאס ער האט דיא וועלט און יענע וועלט . און אזעלכין וואס דו טוסט וואונדין און שטראפין ער זאל עסין שלעכטע שפייז און זאל ליגין אויף דעם מיסט . דאס איז אויך צו גוטין אמאל איז דאס פון ווענין יינע זינד צו מינערין . און אמאל איז דאס אים צו פרובירין אויב ער וועט נוט זיין אפילו

הַכְּתוּבִים בְּסִפְרוֹ שֶׁל אָדָם הָרִאשׁוֹן מֵעִנְיְנֵי הַכָּבוֹד
וּקְשָׁרֵי תַּגֵּי . כְּגוֹן חַכִּים יִתְקְרֵי וְלָא רַבָּן . וּמְקַבְּלִים
בְּאַהֲבָה וּמְחַבְּבָן . אַזַי לָעוֹלָם הַבָּא שְׂכָרוֹ כָּפוּל וּמְכֻפָּל
עַל בַּזוּתוֹ עִנְיְנֵי עוֹלָם עוֹבֵר בְּעוֹלָם נִצְחִי . אֵלֶּה הַדְּבָרִים
אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אוֹתָם הָאָדָם וָחַי . וְגַם אִם חַי חַיֵּי צַעַר
וּמַכְאוֹבוֹת . תַּשְׁלוּמֵי עֲוֹנוֹתָיו הֵם מִמֶּנּוּ גוֹבוֹת . וּלְטוֹבָתוֹ
שִׁבְרוֹן הוּא רֶגֶל פָּרָתוֹ . כְּדֵי לְהַצִּילוֹ מִשְּׁאָר רָעָתוֹ . כִּי
כֵן חַסְדֵי הָאֵל וְרַחֲמָיו . לִפְרוֹעַ מִן הֶעָשִׁיר בְּשׁוֹרוֹ וַחֲמוֹרָיו .
וְעָנִי בְּשֵׂיוֹ . וְאַלְמָנָה בְּתַרְנְגָלְתָּהּ וְיָתוֹם בְּבֵיצָתוֹ . וְהֵם
חֲלוּפֵי מִיתָתוֹ . וְאַף הַנִּגְזָר עָלָיו מִיתָה . הוּא טוֹב מֵאֲשֶׁר
גַּם קְבוּרָה לוֹ לֹא הָיְתָה . וַאֲשֶׁר נִבְלָתוֹ לְדוֹמֶן עַל פְּנֵי
הַשָּׂדֶה . אִי גְּבַר דְּלֵית בֵּיהּ חָדָא . לְדוּן לְטוֹבָה . וְאָבַד
זִכְרוֹ וְנֵרוֹ כָּבָה . הוּא לְכַפָּרַת עֲוֹנוֹתָיו . לְהֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ

---

בֵּיי אַזוֹ אַשְׁלֶעכְטֶע צַייט . כְּדֵי עֶס זָאל אִים גוּט זַיין צוּ זַיין סוֹף . אוּן עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין
אַזֶעלְכֶער וָואס אִיז נִיט בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין אִין אַיין צַייט פוּן פִיל שְׁפַייז אָדֶער אַזֶעלְכֶע
גְלַייכִין אַנְדֶערֶע זַאכִין וָואס שְׁטֵייט פַר שְׁרַיבִּין אִין דֶעם סֵפֶר פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן וָואס פַאר
אַיין כָּבוֹד אָדֶר חֲשִׁיבוּת אֵייגֶר זָאל הָאבִּין גְלַייךְ וִויא דָארְטִין שְׁטֵייט גִישְׁרִיבִּין אוֹיף אֵיינֶם
עֶר זָאל גִירוּפִין וֶוערִין חָכָם אוּן נִיט רַבִּי אוּן דֶר וָואס נֶעמְט דָאס אַלְץ אָן מִיט לִיבְּשַׁאפְט
דֶעם וֶועט זַיין שָׂכָר וֶוערִין פַר טָאפִּילְט אוֹיף עוֹלָם הַבָּא . וַוייל עֶר שֶׁענְד דִיא זַאכִין פוּן
דֶר דָאזִיגֶער וֶועלְט וָואס זִיא נֵייט אַוֶועק פוּן וֶוענִין דִיא אֵייבִּיגֶע וֶועלְט . דָאס זַיינֶען דִיא
זַאכִין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טָאן דֶען וֶועט עֶר בְּלֵייבִּין לֶעבִּין אוֹיף עוֹלָם הַבָּא . אוּן וֶוען
עֶר לֶעבְּט שׁוֹין אִין צַעַר אוּן אִין וֵוייא טָאג אַזוֹ קוּמְט עֶר דֶער מִיט אָפּ זַיינֶע זִינְד אוּן פוּן
זַיין טוֹבָה וֶוענִין . רִי פִּיס פוּן זַיין בְּהֵמָה וֶוערְט צוּ בְּרָאכִין פוּן וֶוענִין אִים צוּא בַּאשִׁירְמִין
פוּן אַנַאנְדֶער בֵּייז וָואס אִיז עֶרְגֶר דֶר פוּן . דֶען אַזוֹ אִיז דִיא חֲסָדִים אוּן רַחֲמָנוּת פוּן גָאט
דָאס עֶר נֶעמְט גִיצָאלְט פוּן דֶעם רַייכִין מַאן דוּרְךְ דֶעם וָואס זַיין אָקְס אָדֶער
זַיין אֵייזִיל פַּיינֶערְט . אוּן דֶעם אָרֶעמַאן שְׁטְרָאפְט עֶר מִיט זַיין לֶעמְלֶע . אוּן דִי אַלְמָנָה
מִיט אִיר הוּן . אוּן דֶעם יָתוֹם שְׁטְרָאפְט עֶר מִיט זַיין אֵיי . אוּן דִי זַאכִין קוּמִן פַר בִּיטִין פַר
זַיין טוֹיט אוּן אוֹיךְ אַזֶעלְכֶער וָואס וֶוערְט אוֹיף אִים נִגְזַר אַז עֶר זָאל שְׁטַארְבִּין אִיז דָאס
נָאךְ בֶּעסֶר פוּן אַזֶעלְכִין וָואס עֶר וֶוערְט אֲפִילוּ נִיט בַּאגְרָאבִין אוּן אַזֶעלְכֶר וָואס זַיין טוֹיטֶער
לֵייבּ לִיגְט נָאר אוֹיף דֶעם פֶעלְד אִין מִיסְט אָדֶר אַזוֹ אַמֶענְטְשׁ וָואס אִין אִים אִיז נִיט פַאר
הַאנְדִין אַזֶעלְכֶע וָואס מֶען זָאל אִים מְשַׁפֵּט זַיין צוּ גוּטִּס דֶען עֶר הָאט נִיט גִיטָאן קֵיין גוּטְּס
אוּן וֶוערְט זַיין גִידֶעכְטְנִס פַאר לָארִין אוּן זַיין לִיכְט וֶוערְט פַאר לָאשִׁין אוּן דָאס אִיז פַאר

וגלגולותיו . ואם בריאה יברא יי ופצתה האדמה את
פיה . להעלות מעמקי שאול קרואיה . גם הוא יעלה
מעמק עכור לפתח תקוה . ולא יוסיף עוד לדאבה .
ובעולם שכלו טוב וארוך . יהא זכרו ברוך : כללא
דמלתא סך קירי אינו פלסתר . אף למאן דאיתא בוהיה
לאכול ובפנים הסתר . כי לא לעולם יריב ולא יקצוף
לנצח גם לאיש דמים ורצח . ולא ידח ממנו נדח לאבדון.
אם אינו מאותן שנמנו להיות לעולם נדון. כי אם תחלת
הבריאה מה דלא הוה הוה בחסדיו . מה דהוה לא כל
שכן שלא יאבד מעשה ידיו . שציצית סיפית כל מה
דעביד לטב הוא דעביד רחמנא . ולא עביד קודשא
בריך הוא דינא בלא דינא . והכל הוא לטובה . הן זכות
והן חובה . אך על דא ודאי קא בכינא . וממאן דאית
ליה קא בעינא . הצילני נא מדקדוקי עניות . כי הן הנה

---

ווענין זיינע זינד זאלין ווערין פאר געבין דאס עס זאלין ניט זיין צוא זיין לעצטער צייט אונ אז גאט וועט באפעלין די ערד זאל עפענען איר מויל דאס די טויטע זאלין אויף גיין פון די טיפע גרוב וועט ער אויך ארויף קומען אויס דער טיפע אין באטריבטע גרוב צו דר טיר פון האפונג דאס הייסט ער וועט אויך אויף שטיין צוא תחית המתים . אונ וועט שוין ניט מער זיין טרויעריג . אונ אין דער וועלט וואס דיא איז אין גאנצין גוט אונ לאנג וועט זיין גידעכעניס זיין גיבענטשט . דער כלל פון דר זאך איז די רעכענונג וואס מיין הער יעקב אבינו האט גימאכט דס מיר וועלן ווידער גיהאלפין ווערין דס איז ניט פאלש אפילו צו אזעלכין וואס האט אזו פיל אויס גישטאנען דאס ער איז ווארין בארויבט אונ גאט האט זיין שכינה פון אים פאר בארגין . דען גאט וועט ניט קריגין אויף אייביג אונ וועט ניט צארענען אויף אייביג . אפילו צו אזעלכין וואס האט בלוט פר גאסין אונ איז גיוועזן ארוצח ווערט ער אויך פון אים ניט פאר שטויסין . דאס ער זאל ח"ו גאר פר לארן ווערן ווען . ער איז גאר ניט פון די וואס די חכמים האבין גירעכינט וואס זייא ווערין גימישפט אויף אייביג . דען פיי דעם אן הייב פון זיינע באשעפענס וואס זייא זיינען נאך גאר ניט גיוועזן אויף דר וועלט . האט ער זיי באשאפין וועט ער דאך כוודאי ניט פר דרבין זיין אייגען ווערק . קורץ פון דער זאך וויא גאט טוט דאס טוט ער אלץ צו גוטין . אונ גאט ב"ה שטראפט ניט קיינעם ווען ער זאל דאס ניט ווערט זיין . אונ אלץ טוט ער פון דעם מענטשינס טובה ווענין סייא ער ניט אים גוטס אדר אפילו ווען ער ניט אים בייז . גייערט דרויף טוא איך כוודאי וויינען אונ בעטין צוא דעם גאט וואס אלץ אין זיין מאכט איז צו טאן דאס וויא מיך מציל פון שווערע ארוסקייט ווייל דאס ברייגנט מיך צוא איין

היו בעוכרי ומדרבי האל אותי מניעות. ותמיד אני גנוחי גנח וילולי יליל. על אשר משתבר לא אסר ולא טרפעיך כהלל. והמשתבר משתבר אל צרור נקוב. ומלא תרוד רקוב. מנא מנא והשתכחית הסר. ביתי ריקם מכל את הזוזים בהם ואת האסר אינו מסתכל צורתא דזוזי פולרין ואסרין. ואף לא זהובין כספים גריטין. יוצא אני בטלאי על גבי טלאי. כל רואי ילעיגו לי יפטירו בשפה כחוכא ואטלולאי. שרקו ויחרקו שן. על מהלכי בבלויי הסחבות ישן נושן. אנא בריה קלה דמפקנא אית לי. ומעילנא לית לי. ותלו בי טפלי. חרפי ואפלי. עד כמה אדבר ואזיל בהאי צערא. להיות חיי תלוים מנגד כהררים התלוים בשערה. ואני זקנתי ושבתי. ומתי אעשה גם אנכי לביתי. ומי יודע אימתי. מלאו ימי ושנותי. על זה דוה לבנו. ועל אלה חשכו עינינו. כי רצוני לעשות רצונך. אך אל יבעתוני שבטך

---

באטריבענעס און עס פאר מיט מיך פון צוא גיין אין גאטס וועג. און אלע צייטין טוא איך קרעכצין און קלאגין וואס איך קען ניט פארדינען אפילו קיין פרוטה. און דאס וואס איך פארדין שוין אמאל דאס העלפט אזו פיל וויא גלייך וויא מען לייגט עפעס אריין אין איין גילעכערטין זאק. און וויא אלעפיל וואס איז פול מיט פוילע ערד דאס איז ווייניג נעך דר פון. אזו מוז איך אויך אלע צייט דוחק ליידין מיין הויז איז ליידיג פון אלעמען פון גרוים געלט און קליין געלט. איך ווייס פאר מיר ניט קיין צורה פון געלט און אויך ניט קיין גאלד און זילבער און גלאטע מטבעות. איך גייא ארויס אין אזעלכע קליידער מיט איין לאטע אויף דער אנדערער. אלע וואס זעהען מיך שפעטין אויס מיר. זיי ריידין מיט זייערע לעפצין און לאכין מיך אויס. זיי שמוצערין און קריצין מיט זייערע ציין איבר מיין טאן גיין אין אזעלכע אלטע און צו ריסענע און פר פוילטע קליידר איך בין איין גרינגע באשעפעניס וואס איך מוז פיל אויס געבין. און האב ניט קיין איין קוטען דאס מיינט מען מיין הוצאה איז גרויס און די הכנסה איז קליין. און האב קליינע קינדר וואס הייגען אין מיר עלטערע און אינגערע. וויא לאנג נאך וועל איך גיין און ווערין גיפירט אין דעם דאזיגין צער. דאס מיין לעבין זאל אזו הייגען וויא די בערג וואס הייגען אויף איין האר. און איך בין שוין אלט און גרא. און ווען וועל איך דען זארגין פאר מיין הויז גיזינד און ווער ווייסט ווען מיינע טעג און מיינע יארין וועלין דר פילט ווערין דס מיינט מען ווער ווייסט צו האב איך נאך פיל צו לעבין אויף דעם דאזיגין טרויערט מיין הארץ און

דריבער

וַחֲרוֹנֶךָ . לָכֵן אָזְלִית כַּאן לַחֲצַר מָוֶת . בְּלֵב נִשְׁבָּר וְעֵינַיִם כּוֹאֲבוֹת . כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אֲנִי עוֹמֵד עָלָיו אַדְמַת קֹדֶשׁ הוּא . וְזֶה שַׁעַר הַשָּׁמַיִם מְקוֹם תְּפִלַּת הַנְּשָׁמָה פְּנֵי בּוֹרְאֵהוּ . וְהִנְנִי עוֹמֵד וּמְסַפֵּר כּוֹאֵב וְצוֹעֵק וְאוֹמֵר עִזְרוּנִי עִזְרוּנִי בִּתְפִלָּה . אַתֶּן נִשְׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים כִּי אֵין בְּפִי כְּהֹגֶן מִלָּה . לְשַׁחֵר פְּנֵי נוֹרָא עֲלִילָה . יִמָּלֵא עָלַי רַחֲמִים וְחֶמְלָה . יַסְפִּיק וְיַמְצִיא רַוְחָתִי . וּבִנְקִיּוּת יַרְוִיחַ צִמְצוּמֵי פַּרְנָסָתִי . וְיִפְדֵנִי מִדִּקְדּוּקֵי עֲנִיּוּת . וְיִתֵּן לִי מִתַּחַת יָדוֹ מְזוֹנוֹת בִּנְקִיּוּת . וְצָרַת דַּאֲבוֹנִי וְעֶלְבּוֹנִי . יָסִיר בְּרַחֲמִים מִמֶּנִּי . נוֹדִי וְטִלְטוּל צְעָדַי . מְכַפְּרִים יִהְיוּ בַּעֲדִי . וְיֵחָשֵׁב בִּכְיִי וְאַנְחָתִי . זֵכֶר נִסְכִּי וּמִנְחָתִי . וְדַי יֹאמַר לְיִסּוּרַי . וִיפַרְנְסֵנִי דֵּי מַחְסוֹרִי . וְאַתָּה רָם אֶשְׁכּוֹל הַכֹּפֶר . מִבְטָאַי עָלֶיךָ יִשָּׁפֵר . וַחֲטָאַי בִּצְדָקָה פְּרוֹק . וְאוֹתָם בִּמְצוּלוֹת יָם הַשְׁלֵךְ וּזְרוֹק . וְתֶהֱוֵי אַרְכָּא לִשְׁלֵוָתִי . בְּלִי טִרְדַת

דְרִיכֶער זַיינֶען פִינְצְטֶער אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען . דֶען מַיין ווִילֶען אִיז צוּ טָאן דַיין ווִילֶען . גֶייעֶרְטלָאז מִיךְ דַיין רוּט מִיט דַיין גְרִים צָארִין גִיט דֶר שְׁרֶעקֶען . דְרוּם בִּין אִיךְ גֶיקוּמֶען אַהֶער צוּ דֶם הוֹיף וָואס דִיא טוֹיטֶע לִיגֶען . מִיט אַיין צוּא בְּרָאכִינֶע הַארְץ אוּן מִיט טְרִיבֶע אוֹיגֶען . דֶען דָאס אָרְט וָואס אִיךְ שְׁטֵייא דְרוֹיף אִיז דָאס הֵיילִיגֶע עֶרְד . אוּן דָאס אִיז דֶער טוֹיעֶר פוּן דֶעם הִימִיל דָאס אָרְט וואוּ דִי נְשָׁמָה בֶּעט פַאר אִיר בַּאשֶׁעפֶער אוּן נוּן אִיךְ טוּא שְׁטֵיין אוּן בֶּעט · אִיךְ יָאמֶער אוּן שְׁרַייא אוּן זָאג הֶעלְפְט מִיר מִיט גִיבֶּעט אִיר הַיילִיגֶע נְשָׁמוֹת ווָארוּם אִיךְ קֶען נִיט אוֹיס שְׁפְּרֶעכִין קֵיין רֶעכְט ווָארְט אִיךְ זָל דֶער מִיט פַּרְשְׁטִין דֶעם גָאט ווָאס עֶר טוּט פַארְכְטִיגֶע ווֶערְק · עֶר זָאל זִיךְ דֶער פִילֶין אִיבֶּער מִיר רַחֲמָנוּת אוּן דֶער בַּארִימְקַייט · עֶר זָאל גִיפִינֶען מַיין דֶער ווַייטֶערוּנְג . אוּן מַיין ווֵיינִיג פַּרְנָסָה זָאל עֶר מִיךְ מַאכִין פַאר דִינֶען מִיט רַיינְקַייט . אוּן זָאל מִיךְ אוֹיס לֵייזִין פוּן דִיא שְׁווֶערֶע אָרוּמְקַייט · אוּן זָאל מִיר גֶעבִין מַיין שְׁפַּייז פוּן זַיין הַאנְט מִיט רֵיינְקַייט · אוּן דִי לַייד פוּן מַיין טְרוֹיעֶרְקַייט אוּן מַיין שַׁאנְד זָ··ל עֶר פוּן מִיר אָפּ טָאן מִיט דֶער בַּארִימְקַייט · דֶעם צַעַר ווָאס אִיךְ לַייד פוּן מַיין פַאר ווָאגְלוּנְג זָאל פַאר מִיר מְכַפֵּר זַיין מַיינֶע זִינְד · אוּן מַיין גִיוַויין מִיט מַיינֶע זִיפְצִין זָאל עֶר רֶעכֶענֶען גְלַייךְ וִויא אִיךְ וָואלְט גִיבְּרַאכְט אַקָרְבָּן מִנְחָה אוּן ווָאלְט דֶעם ווַיין פַאר גָאסִין אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ . אוּן זָאל זָאגִין צוּא מַיינֶע יִסּוּרִים עֶס אִיז שׁוֹין גִינוּג · אוּן זָאל מִיךְ שְׁפַּייזִין וִויא פִיל אִיךְ דַארְף גִינוּג . אוּן דוּ הוֹיכֶער גָאט ווָאס דוּא בִּיסְט מִיר גִיגְלִיכִין וִויא אַצְווַייג פוּן גִיוִוירְץ . בֶּעט אִיךְ דִיךְ לָאזִין מַיינֶע רֵייד דִיר ווָאוֹל גִיפֶעלִין . אוּן מַיינֶע זִינְד לֵייז אוֹיס מִיט צְדָקָה אוּן ווַארְף זֵיי אַרַיין אִין דֶער טִיפֶענִס פוּן דֶעם יָם . אוּן מַיין פְרֵייד זָאל לַאנְג גִיוֶועזִין אוּן זָאל נִיט ו · ·פִין הָאבִין קֵיין מִיא צִיא